STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06286

A SHTETELE IN POYLN

Isaac Bloom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בלום

א שטעטעלע אין פּוילן

אַנדערע ביכער דערשינען
פון
יצחק בלום

„פון ברעג צו ברעג"
דערציילונגען
„אין דער שטיל"
לידער
1919
„אין גאנג פון די יאָרן"
„אין אומרו פון לעבן"
דערציילונגען
1934

פארטיג צום דרוק:
„אָן א באָרדן"
„אין א פרעמדער וועלט"
דערציילונגען
„אין שפּעטע שעה'ן"
לידער

Copyright, 1940,
by ISAAC BLOOM
New York, N. Y.

פארלאַג „בלום"
ניו־יאָרק
1939

255



יצחק בלום

איך דער לעצטער — וועל אייך אַ מצבה שטעלן...

ניין, מיינע נאָענטסטע און ליבסטע,
אומגעקומענע אין גרויסן אידישן חורבן —
כ׳וועל אייער אָנדענק ניט לאָזן פאַרגעסן ווערן
אין לויף פון די יאָרן.
אַזוי לאַנג ווי איך לעב, און אויך נאָך מיר,
וועט מען וויסן מיין שטאַם, פון וועמען כ׳בין פאַרבליבן.
כ׳וועל אייערע שפורן ניט לאָזן פאַרשווינדן —
איך, דער לעצטער נאָך אייך...

כ׳וועל אייערע בילדער און נעמען איינזאַמלען אין מיין בוך:
„אַ שטעטעלע אין פוילן״,
צוזאַמען מיט דעם אַש פון אייערע אין די קרעמאַטאָריעס
פאַרברענטע גופים —
און עס צעשפרייטן איבער די מצבה־בלעטער,
ווי שוואַרצן צעמאַלענעם קויל,
צוזאַמען מיט מיין האַרץ,
וואָס איז פון פיין פאַרברענט...

און ווען איך, דער לעצט־פאַרבליבענער
פון מיין משפחה בוים,
וועל שוין דאָ אויך ניט זיין,
וועט די מצבה וואָס איך וועל שטעלן
איבער אייך — אויך מיין מצבה זיין!
צוזאַמען וועלן מיר ליגן אַלע ביינאַנד
און שוועבן וועט איבער אונז אַ טרוים — — —
אַ טרוים פון אייביק לעבן, פון ניט פאַרגיין...

און כאָטש ס׳וועט שוין קיינער פון אונז ניט זיין,
אָבער דורות וועלן מישן די בלעטער, וואָס דערציילן
פון אידישן חורבן און אומקום — — —
און צווישן זיי אויך די בלעטער
פון „אַ שטעטעלע אין פוילן״
און זיך אָפּשטעלן קוקן אויף אונזער מצבה...
. . . .
איך דער לעצטער פון מיין משפחה־בוים,
וואָס האָט געשטעלט אַ מצבה נאָך זיינע אומגעקומענע —
און נאָך זיך אַליין...

אין וואָרט און אין בילד

(אַ צוגאָב צו דער נייער אויסגאַבע פון מיין „אַ שטעטעלע אין פוילן")

פון דער צייט וואָס איך האָב נאָך פינף־און־צוואַנציק יאָר אָפּזיין אין אַמעריקע באַזוכט מיין געבורטס־שטעטל און צוריקקומענדיק אָנגעשריבן מיין „אַ שטעטעלע אין פוילן", האָט פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס די ווילדסטע פאַנטאַזיע האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. מיטן אויפקומען פון היטלערן, ימח שמו, האָט זיך אָנגעהויבן די אויסראָטונג פונם גאַנצן אייראָפּעאישן אידנטום; און מיט דער מלחמה וואָס ער האָט אַרויפגעצווינגען אויף דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט, האָט זיך אָנגעהויבן די צעשטערונג און פאַרוויסטונג פון גאַנצע לענדער און שטעט מיט מיליאָנען מענטשן אַלס קרבנות . . .

און ווי שטענדיק, ווען עס פּאַסירט אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע, זיינען די אידן געווען די ערשטע און גרעסטע קרבנות: מיליאָנען אידישע לעבנס זיינען דורך פאַרשידענע מיתות משונות אומגעבראַכט געוואָרן, גאַנצע אידישע ישובים, שטעט און שטעטלעך חרוב געמאַכט...

אָבער דאָס אַלעס איז גוט באַקאַנט... איז דען פאַראַנען אַ אידישע הויז, אַ אידישער מענטש, וועמען דער אומגליק פון יענער זייט ים האָט ניט אָנגערירט? וועמענס האַרץ עס זאָל ניט בלוטיקן און טרויערן נאָך די אומגעקומענע נאָענטע און ליבסטע? — און אַוודאי בין איך ניט קיין אויסנאַם!

אין שווערע טעג און אין שלאָפלאָזע נעכט, הער איך ניט אויף צו טראַכטן וועגן דעם גורל פון מיין אייגענער קליינער פאַמיליע, וואָס איך האָב אַ קורצע צייט פאַרן וועלט־אומגליק געהאָט דעם זיס־פיינלעכן געַנוס זיי צו זען, אָנצוקוקן זייערע מידע גופים, זייערע פון פיין־אויסגעבלייכטע פּנימער, — שפּורן, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן פון די שווערע איבערלעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה . . . ס'איז מיר שווער צו באַגרייפן, ווי זיי וואָלטן בכוח געווען איבערצולעבן נאָך אַ מלחמה אפילו אָן אַ היטלערן, און אָן אַ היטלעריסטישער אויסראָטונג . . . .

ס'אידישע לעבן וואָס איך האָב אויף מיין וויזיט אין דער אַלטער היים געטראָפן, איז שוין איצט געשיכטע. ווער ווייס צו אַזאַ לעבן וועט זיך שוין ווען עס איז אומקערן . . .

היטלער האָט אַלץ אויסגעריסן מיטן וואָרצל; אידישע הייליקטימער חרוב געמאַכט, שולן, בתי־מדרשים, צעשטערט, בית־עולמ'ס פאַראומרייניקט, אפילו די מצבות פון די קברים אַרויסגעריסן . . . מוז דערפאַר אַלץ, וואָס איז נאָר פאַרבליבן פון דער צעשטערטער אַלטער היים פאַראייביקט ווערן לזכרון אין וועלכער פאָרום עס זאָל ניט זיין . . .

דורך דער צייט וואָס איך בין געווען אין דער היים האָב איך אַרונטערגענומען בילדער פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט די שילדערונגען אין מיין בוך „אַ שטעטעלע אין פוילן". איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, געטאָן אין מיינע אייגענע פריוואַטע אינטערעסן, ווי אַן אָנדענק פון אַלץ וואָס איז מיר ליב און טייער . . . איך האָב דערפאַר ניט געפונען פאַר נויטיק זיי אַריינצוגעבן אין דער ערשטער אויסגאַבע פון מיין בוך, עס זאָל ניט אויסזען ווי אַ פאַמיליען אַלבום . . .

היינט אָבער, איז עס שוין ניט מער מיין שטעטעלע אליין, נאָר אַלעמענס שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען געטראָפן געוואָרן פון איין און דעם זעלבן פייער . . . די צעשטערטע שול, בתי־מדרשים, בית עולמ'ס, מצבות, זיינען איין גרויסע צעשטערונג, — אַלעמענס צעשטערונג . . . אפילו די בילדער פון די אייגענע זיינען מער ניט קיין פריוואַטע, נאָר איין אידישער גוף און נשמה, וואָס ליגן אפשר פאַרברענטע אין איין גרויסן ברודער־קבר . . . און מיר אַלע זיינען איצט איין גרויסער אבל, איין פאַרקלאָגטער יתום.

אַלע הערצער אין איין ווייטאָק,
אַלע הייזער אין איין טיר;
אַלע, אַלע איין פאַרקלאָגטער
קראַנקער יתום זיינען מיר . . .

ש. פרוג.

אַלע צוזאַמען דאַרפן מיר שטעלן איין גרויסע מצבה נאָך אונזערע ביז צום טויט פאַרפייניקטע . . . טראָג איך צו מיין קליינעם חלק מיט דעם, וואָס איך פאַראייביק לזכרון (אין דער נייער אויפלאַגע) אַ לעבן וואָס איז שוין מער ניטאָ — אַחוץ אין וואָרט, אויך אין בילד . . .

יוד ר.

ביים לײדיקן װיגל...

מיין שטעטל

(אין אָנדענק פון מיינע, און אַלע אומגעקומענע)

כ׳האָב אַ מצבה געשטעלט מיין שטעטל,
איידער ס׳אומגליק איז געשען;
צו שלאָפן אויפן היימיש בעטל,
איז באַשערט מיר נאָך געװען.

כ׳האָב באַזוכט די גאַסן, געסלעך,
אַרומגעבלאָנדזשעט טעג אַליין;
אַלץ װעט בלייבן אומפאַרגעסלעך,
אין זכרון, אין געביין.

כ׳װעל אין האַרצן שטיל עס װיגן,
װאונדיק־טיף און װאונדיק־רויט,
װי ס׳װיגט אַ מאַמע ס׳לײדיק װיגל,
כאָטש איר קינד איז לאַנג שוין טויט...

דעם הייליקן אָנדענק פון מיין טראַגיש אומגעקומענע משפחה, אומגעקומענע פון מיין היים־שטאָט און אַלע אידישע אומגעקומענע פון אַלע שטעט און לענדער דורך די באַרבאַרישע רוצחישע נאַצי־הענט

די באַן טראָגט מיך פון וואַרשע צו דער סטאַנציע טשיזעווע, פון וואַנען איך וועל דאַרפן צופאָרן צו מיין שטעטעלע טשעכאַנאָווצע, וואו מיינע ברידער מיט זייערע פאַמיליעס, און מיין שוועסטער, רחל, ריכטן זיך שוין אויף מיר, מחמת איך האָב זיי פון שיף געשריבן, און זיי ווייסן שוין אויך פון די וואַרשעווער ציטונגען, וועלכע האָבן געמאָלדן וועגן מיין קומען.

זיץ איך אין באַן אַן אָנגעצויגענער, אַן אומגעדולדיגער, און טראַכט וועגן דעם, אַז אין אַ פאָר שעה אַרום וועל איך אָנקומען אין מיין שטעטל, נאָך פינף און צוואַנציג יאָר אָפּזיין אין אַמעריקע.

איך קוק אַרויס דורכן פענסטער צו די פעלדער און וועלדער, צו די קליינע דאָרפישע פויערשע שטיבעלאַך, וועלכע שוועבן פאַרביי. ס'איז אָנהויב יוני, אַלץ גרינט און בליט מיט אָנהויב זומערדיגער יום־טוב'דיגקייט... כ'וואונדער זיך, פאַרוואָס איך פיל ניט קיין פרייד, נאָר בלויזע אויפגערודערטקייט פון צוריקגעקומענע איבערלעבונגען, געפילן און בילדער פון לאַנג פאַרגאַנגענער קינדהייט און יוגנט. הפּנים, יענע יאָרן רופן אין מיר ניט אַרויס קיין גליקלאַכע דעראינערונגען.

כ'דערזע פויערים און פויערטעס אין אָרימער פויערשער קליידונג שפּרייזן באָרוועסע איבערן האַרטען שטיינערנעם וועג: סמנים פון פוילישן לעבנס־

שטייגער און דלות. עס ווערט מיר אומעטיג און באנג. עס גיט אויף מיר א יאָג מיין אייגן קינדערש אָרעם לעבן, ווען איך האָב אַלס קליינער אינגל א באַרוועסער ארומגעלאָפן איבער די שטעטלשע גאַסן, אָפּרייבנדיג די הויט פון די פיס אין די שפּיציגע שטיינער...

און אַט פאַלט מיין בליק אויף א „ווערטראַק" (ווינט-מיל), וואו די גרויסע הילצערנע פליגל, וועלכע ווערן געטריבן פון ווינט, דרייען זיך שווער און אומהיימלאַך, ווי שווערע וואַנט-זייגער-ווייזערס, גלייך ווי זיי וואָלטן אָנגעוויזן אויף דעם גאַנג פונם דאַרטיגן היימישן שווערן לעבן...

— סטאַנציע טשיזעוו! — דערהער איך פּלוצלונג דעם פּוילישן קאָנדוקטאָר'ס אויסרוף — און איך דערפיל, ווי אַלץ אין מיר ווערט עפּעס אויפגערירט, צעציטערט פון אויפרעגונג און דערוואַרטונג.

עטלאַכע אַלטע, היימישע בעל-עגלות פון די ארומיגע שטעטלאַך, דערקענענדיג אין „אַמעריקאַנער העכט", גיבן זיך צו מיר א לאָז. יעדערער וויל מיך כאַפּן פאַר זיך. איך רוף אוים דעם נאָמען פון מיין שטעטל, און זיי צעלויפן זיך אַלע אנטוישטע, א חוץ איינער, דער בעל-עגלה פון מיין שטעטל, בלייבט שטיין, פאַרנעמט מיינע פּעקלאַך און פירט מיך צום וואָגן...

ס'איז אָבער ניט קיין וואָגן ווי אַמאָל מיט 25 יאָר

צוריק; ס'איז אַן „אָמניבוס" (א באַס), טאַקע אַן אמת־ער אָמניבוס וואָס „גייט" אָן פערד און יאָגט זיך אי־בערן שאָסעי גאַרניט קליינשטעטלדיג, איבערשרעקנ־דיג אין וועג די פערד און בהמות, וועלכע די פויערים האַלטן קוים איין...

אַמאָל פלעגט דער וועג פון דער באַן־סטאַנציע צו מיין שטעטל געדויערן אויף אַ פור א צוויי־דריי שעה. היינט אָבער, זאָגט מען מיר, נעמט עס בלויז א 30־40 מינוטן...

איך קוק פאַרגאַפט ארוים דורך די אָפענע פענס־טער אין דרויסן. עס איז פאַרנאַכט, היימישער פאַר־נאַכט אין פעלד, מיט היימישן זון־פאַרגאַנג און מיט היימישער פאַרנאַכטיגער רו. ערשט איצט, די מינוט, דערפיל איך, אַז איך בין אין דער היים, אין דער אַל־טער היים, אין דעם היימישן וואַלד און פעלד, מיט היי־מישע פויגל און היימישע לידער...

כ'קען ניט אָפּרייסן מיינע בליקן פון אַלץ, וואָס שווינדט פאַרביי פאַר מיינע אויגן: אַלץ ווייזט מיר אוים אזוי ניי און דאָך אַלט און באַקאַנט. אזוי ווייט און דאָך אזוי נאָענט... וואָס נענטער מיר קומען צום שטאָט, אַלץ היימישער און נענטער ווערט מיר דער וועג, די וועגעלאַך, די סטעזשקעלאַך, די הייזער דאָ און דאָרט...

און ווען דער „אָמניבוס" פאָרט מיט אמאָל אריין

אין שטאָט אריין און בלייבט שטיין לעבן מיין ברו־דער׳ס הויז, כאַפּ איך זיך, אַז מיין פּנים איז פייכט פון טרערן, וועלכע איך וויש שנעל אָפּ, גרייט פאר אַנדערע, נייע...

⁂

ביים הויז וואַרט מען שוין אויף מיר. ווער? ווייס איך אַליין ניט. איך זע בלויז מענטשן, מענער און פרויען, שטייען און וואַרטן. מ׳רינגלט מיך ארום פון אַלע זייטן, און אַלעמאָל צעקושט זיך מיט מיר עמיצער, אָבער ס׳איז מיר ניט קלאָר ווער דער „עמיצער" איז... איך שטיי ווי פאַרלאָרן און צעטומלט אינם געדרענג פון אייגענע און פרעמדע סתם נייגעריגע מענטשן...

מען „פירט" מיך ענדלאַך אריין אין הויז. ערשט איצט דערקען איך אַ פּאָר פון די אייגענע פון מיין פאַ־מיליע פון די פאָטאָגראַפיעס, וואָס מען האָט מיר גע־שיקט: מיין ברודער׳ס צוויי טעכטער, געווען פּיצלאַך קינדער ביי מיין אוועקפאָרן, איצט פאַרהייראַט און האָבן שוין אַליין קינדער... מיין שוועגערין, מיין ברו־דער׳ס פרוי, זייער מוטער, שטייט און קוקט אויף מיר. דאַכט זיך, אַז ס׳איז זי. געווען אַמאָל אַ זעלטענע פאַר־שוין, איצט — אַ שאָטן...

איך קוק זיך אַרום...

און ווער איז דער, וואָס שטייט הינטער מיר אַזאַ פאַרעלטערטער, אַזאַ גרויער, אָבער מיט אַזעלכע לע־

ס׳וואוינט היינט ניט קיינער
אין שטיבעלע מער,
פֿאַרבליבן איז שטיבעלע,
פֿינצטער און לער.

ס׳שטיבעלע קליינע
מיט מי אויפֿגעבויט: —
די מענטשן פֿאַרטריבן,
פֿאַרפּייניקט צום טויט.



מײַן שװעסטער רחל

מײַן ברודער שלמה

בעדיגע, יונגע אויגן, פון וועלכע עס רינען איצט טרע־רען? אָ, יאָ, ס׳איז מיין ברודער אַלטער... אַלטער.. אָט דער, וועמען איך האָב איבערגעלאָזט א יונגנמאַנטשיק, מיט שווארצע האָר און וואָנצעס, מיט יונגע, פעסטע טריט... א „ליטעראַריש באַגאַבטער" נאָך פון דער צייט, ווען ער איז מיט עטלאכע יאָר צוריק פאָר מיין אַוועקפאָרן צוריקגעקומען פון פּרץ׳עס שטאָט זאַ־מאָשטש, וואו ער האָט אָפּגעדינט „סלוזשבע"... ווי פאַרענדערט ער איז!

און מיין ברודער שלמה...

און אָט איז מיין שוועסטער רחל...

אַלע פאַרעלטערט, פאַרענדערט, אפשר מער פון אָרימקייט און נויט, ווי פון צייט און יאָרן...

דאָס שטיבעלע אינעווייניג איז קליין און נידעריג. קוים ווי עס דרייען זיך דאָרט אום עטלאכע מענטשן.. ס׳איז שוין אויפגערוימט, באַשאָטן מיט היימישן געלן זאַמד... די ווענט אָפּגעקאַלכט מיט ווייסן קאַלך.. דער אַלטער וואַנט־זייגער, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, גייט זיך זיין אַלטן שווערן גאַנג, ווי א זקן, וואָס שלעפּט קוים זיינע פיס... ניט ווייט פונם ציגעלנעם אויוון, וואָס שטייט אָן א זייט, ליגט אָן אויסגעמאָגער־טע געלע קאַץ און שפּילט זיך... א פּאָר פון די אייגענע זיינען שטאַרק פאַרנומען מיטן צוגרייטן עסן פאַר מיר — פאַרן גאַסט...

יצחק בלום

⁂

אין אָוונט, נאָך וועטשערע, וואָס איז באַשטאַנען פון ערשטן היימיש־געקאָכטן מאָלצייט, בעט איך מיינע אייגענע מיך צו נעמען אין גאָס, ווייל איך חלש צו זען די שטאָט... מען טוט מיר צוליב, כאָטש זיי וואָלטן מיך דעם אָוונט בעסער וועלן האָבן אין שטוב מיט זיך אַליין, צווישן אייגענע, ריידן, פאַרברענגען, זיך אויס־דערציילן פון אַלץ וואָס ליגט אויפן האַרצן... זיי האָבן דאָך מיר אַזוי פיל יאָרן ניט געזען...

אין גאָס איז פינסטער. קוים־קוים ווי מען זעט ווי צו גיין. כ׳מוז זיך אָנהאַלטן אָן מיינע אייגענע ניט אומצופאַלן. כאָטש ווי מען דערציילט מיר, איז שוין א יאָר זינט מען האָט איינגעריכט „עלעקטרי״. אָבער די עלעקטרישע ליכט זיינען אַזוי ווייט איינע פון די אַנדערע, און די לעמפּלאַך אַזוי קליין, אַז פאַר איינעם וואָס איז צוגעוואוינט צו א סך ליכט, איז זיך שווער צוצוגעוואוינען צו אַזאַ „עלעקטרי״...

בלויז אין מאַרק, וואו עס איז שוין אויך איינגע־ריכט אַ שמאָל טראָטואַרל, איז עטוואָס ליכטיגער, זע איך קוים אַרום זיך, אָבער ניט ווייטער..

כ׳קען קוים זען אין דער היימישער נאַכט־פינס־טערניש, אָבער איך פיל אַז איך בין צווישן אייגענע, מיינע נאָענטע און טייערסטע, וועלכע האָבן מיר אויס־געפעלט אַלע יאָרן, וואָס איך בין געווען ווייט פון זיי.

און וואָס מער איך גיב אַ טראַכט מיט אָט די אָרימע מענטשן, וועלכע גייען ביי מיין זייט, און וועלכע איך האָב די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין אמעריקע גע־שטיצט, אַלץ מער פיל איך די נאָענטקייט, די צוגע־בונדנקייט צו זיי און פון זיי צו מיר... כ׳פיל עס אין זייער האַנט־דרוק, אין זייערע שטילע טריט, אין זייער נאָענטן טוליען זיך צו מיר...

מיר גייען לאַנגזאַם, ווייל ניט דאָס גיין איז מיין ציל, נאָר דאָס קוקן, דאָס באַטראַכטן, דאָס וועלן אריינ־זויגן אין זיך די היימישע לופט, די היימישע אַטמאָס־פערע, דעם היימישן לעבן... איך ברען פון נייגעריגקייט צו וויסן, ווי אַלץ זעט אויס; וועל איך איצט, אין פינף און צוואַנציג יאָר אַרום, געפינען עפּעס נייעס, אָדער איז אַלץ פאַרבליבן ווי געוועזן?...

ניין, טראַכט זיך מיר, אַלץ ווי געוועזן קאָן דאָ ניט זיין, וויינינגסטנס אויבנאויף. האָבן דאָך אין מלחמה־צייט די רוסישע, פאַרן צוריקציען זיך, אונטערגע־צונדן אַ סך פלעצער, און כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז אוועק אין פלאַמען. אָבער אין וואָס די נייקייט באַשטייט, קאָן איך אין דער פינסטער ניט זען...

איידער איך קוק זיך אַרום, נעמען מיינע אייגענע איילן צוריק אַ היים צו גיין.

— וואָס איז דאָס געאייל? — פרעג איך ביי זיי.

— ווייל עס איז שוין האַלב צוועלף — ענטפערט

מיין ברודער — און פונקט צוועלף ווערט די עלעקטריק מיט איין מאָל אויסגעלאָשן איבערן גאנצן שטעטל, און ס׳ווערט פינסטער ווי מיט פינף און צוואַנציג יאָר צוריק..

— פאַרוואָס עפּעס מיט איין מאָל? — קאָן איך ניט פאַרשטיין. — פאַרוואָס ניט ביי יעדן באַזונדער? — פרעג איך מיין ברודער.

— ווייל די שטאָט איז אָרעם און פאַרמאָגט ניט איינצוריכטן די מאַשינערי, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר דעם.

און איידער איך האָב צייט געהאַט עפּעס צו פרעגן, איז טאַקע די „עלעקטריק" מיט איינמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן און מיר זיינען געבליבן שטיין אין דער פינסטער.

— שוין צוועלף אַזייגער? — פרעג איך.

— א פערטל צו צוועלף — ענטפערט מיין ברודער. — די פינסטערקייט איז בלויז פאַר א מינוט, א סיגנאַל, אַז די וואָס געפינען זיך אויף די גאַסן, זאָלן גיין וואָס גיכער אהיים, ווייל באַלד וועט טאַקע ווערן פינסטער אויף אַן אמת׳ן.

מיר איילן זיך צו קומען וואָס גיכער אין הויז. עס הייסט, זיי איילן זיך צוליב מיר, ווייל זיי ווילן ניט, אַז איך זאָל זיך דאַרפן שלעפּן אין דער פינסטערניש אהיים. זיי אליין זיינען שוין צו דעם צוגעוואוינט,

אָבער איך? אַן אמעריקאנער? אזוי לאַנג פון דער היים, ניט פאר מיינע אמעריקאנער איידעלע שיך.

אַראָפּ פון דעם שמאָלן מארק-טראָטואַרל, טרעטן מיר שנעל איבער די ברוקירטע שפּיציגע שטיינער. די עלעקטריק ווערט וויניגער, און דער גאַנג שווערער... מיינע אייגענע פירן מיך אונטער די הענט צו פארהיטן מיך פון אומפאַלן.

ווען מיר זיינען אריין אין הויז, האָב איך נאָך פּאַספּייעט זיך אויסצוטאָן פאר דער שוואכער עלעקט-רישער באלייכטונג און זיך לייגן אין בעט אריין, וואָס דאָס יונגע פּאָר פאָלק, מיין ברודער׳ס טאָכטער און איי-דעם, האָבן מיך אָפּגעטראָטן כ׳זאָל זיך אויסרוען פון דער רייזע.

פונקט צוועלף איז די עלעקטריק אויסגעלאָשן גע-וואָרען.

⁂

איך בין געלעגן אין בעט, אָבער אַנטשלאָפן ווערן האָב איך ניט געקענט. ס׳האָט מיך געשטערט אי די היץ פון די היימישע בעטגעוואנט מיט וואָס מען דעקט זיך צו סיי זומער, סיי ווינטער, אי די פארשטיקטקייט פון די פארמאכטע פענסטער און לאָדנס, וואָס מען האָט מורא ביינאַכט צו לאָזן אָפן, מען זאָל, חלילה, ניט ארויס׳גנב׳ענען דעם דלות...

די איבערלעבונג פון די ערשטע עטלאכע שעה פון

זיין צוריק אין מיין אלטער היים, האָט מיך אין גאנצן צערודערט. איך בין געלעגן אַ וואכנדיגער און ניט גע־קאָנט גלויבן, אַז איך געפין זיך טאַקע אין דער היים, אַז איך ליג אין א היימישער בעט טאַקע ביי מיין ברו־דער אין הויז... ווען איך וואָלט מיט מיינע אייגענע פינגער ניט אָנגעטאַפּט יעדער מינוט די היימישע וואַ־רימע בעטגעוואַנט איבער מיר, וואָלט איך געמיינט אז עס איז א חלום...

„ווי איז דאָס מעגלאך? ווי קום איך גאָר פלוצלונג אַהער? וואו איז אהינגעקומען דער שטח פון די אריי־בער דריי טויזנט מייל ים און יבשה, מיינע קנאַפּע דריי צענדליג יאָר איינגעוואָרצלטקייט אין ניו־יאָרק, וואו איך האָב געלעבט באַלד צוויי מאָל אזוי לאנג ווי איך האָב געלעבט דאָ, אין מיין געבורטס שטאָט? פארוואָס איז פון מיר אַלץ אנטרונען? פארוואָס איז מיין געדאנק מער ניט באהעפט מיט אָט יענעם ווייטן לאנד, מיט יענער ווייטער שטאָט ניו־יאָרק, וואו ס'איז ביינאַכט ליכטיג ווי בייטאָג, וואו מען דאַרף זיך ניט היטן פאר דער פינסטערניש, וואו ס'געפינט זיך מיין וואוינונג, וואו היים און קאלט וואסער לויפט פון וואַנט?.. וואו זיינען די מענטשן, די געזעלשאַפטן, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו לעבן און צו קומען אין בארירונג אַלע טאָג? וואו איז דאָס אַלץ פון מיר פארשוואונדן, אָט אין דער פינסטערער, שטילער נאכט־שעה אין

דער אַלטער היים, ליגנדיג איינגעגנורעט אין א זומער־נאַכט אין בעט אין א וואַרימער איבערבעט, מיט פאַר־מאַכטע טיר און פענסטער?...

און אין געדאַנק הער איך ניט אויף צו זוכן דעם שטח.. איך וויל פאַר זיך אַליין קלאָר מאַכן, וואָס עס איז פּלוצלונג געשעען אין מיין גאַנצן לעבן, דענקען און פילן? פון וואַנען האָט זיך גענומען אַט די פאַרוואַנד־לונג אין מיין גאַנצן פסיכישן וועזן...

איך נעם טראַכטן, צי האָב איך טאַקע דורכגע־שניטען אויף א שיף דעם גרויסן אַטלאַנטישן ים, אָדער איך בין דאָ ווי דורך א נס פון הימל אַראָפּגעפאַלן... עס קומען מיר ארויף אויפן זינען אַלע איינצלהייטן פון מיין רייזע; די מענטשן מיט וועלכע איך האָב זיך אויפן שיף באַקאַנט, דאָס אָפּשטיין שעה'ן אויפן דעק און קוקן אין דער אומענדלאַכער ים־וויטקייט... כ'דערפיל, דאַכט זיך, דעם איבלדיגן טעם פון דער ים־קראַנקהייט..

בין איך דאָך, הייסט עס, יאָ געפאָרן מיט א שיף און דורכגעמאַכט אַלע אַנגענעמלאַכקייטן און אומאַנ־גענעמלאַכקייטן פון א רייזע... געפאָרן אפילו אויף די היימישע באַנען, וואו צוויי מענטשן קאָנען זיך אין צווישן גאַנג ניט אויסדרייען... דורכגעמאַכט די גרע־ניץ רעוויזיעס, וואו איך האָב כסדר געהאַלטן אין שלעפּן מיין רויטן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט פון קעשע־נע, וואָס איז מיר ביי די גרעניץ־באַאַמטע פון פאַרשיי־

דענע לענדער בייגעשטאַנען ווי אַ קמיע... און — — —

מיין טראַכטן האָט איבערגעריסן אַ שטיל און ווײַנענדיק געזאַנג הינטערן פענסטער, וואָס האָט אין דער שטילער פינסטערער נאַכט אָפּגעקלונגען אַזוי איינזאַם און טרויעריק...

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם בין איך געלעגן און זיך צוגעהערט צום געזאַנג, וואָס האָט מיך אַ געשראָקן, אַ געצויגן צום גאַס אַרויס...

אין דער שטיל האָב איך עפּעס אויף זיך אַרויפגעכאַפּט, און אין דער פינסטער גענומען זיך אַרומדרייען זוכנדיק אַ פענסטער...

מיין ברודער'ס טאָכטער האָט פון צווייטן צימער דערהערט, ווי אימיצער דרייט זיך אַרום אין הויז...

— ווער איז דאָרט? — האָט זי פאַרשלאָפן געפרעגט

— דאָס בין איך, איטשע, יצחק... — האָב איך שטיל געענטפערט ניט אויפצואוועקן קיינעם.

— וואָס-זשע, איר קאָנט ניט שלאָפן? — האָט זי פאַרזאָרגט אַרויסגערעדט.

— אָ, כ'בין געשלאָפן גאַנץ געשמאַק... נאָר אימיצער זינגט הינטערן פענסטער האָט עס מיך אויפגעוועקט...

— אָ, דאָס איז בערל דער משוגע'נער! — האָט זי שלעפערדיק אַרויסגערעדט און איז הפנים גלייך איינגעשלאָפן, וואָרים מער האָט זי ניט גערעדט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אז אין דער היים איז מען שוין הפנים צו דעם צוגעוואוינט און מען מאַכט דער־פון קיין וועזן ניט...

כ'האָב קוים אין דער פינסטער געפונען מיין בעט, וואו איך האָב זיך צוריקגעלייגט און ערשט איינגע־שלאָפן, ווען עס האָט שוין גענומען טאָגן... — — —

עס איז שוין געווען האַלבער טאָג, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. מיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט די ליכטיגע שטראַלן פון דער היימישער יוני־זון.

אין שטוב איז געווען שטיל, מחמת מיינע אייגענע זיינען אַלע אוועק פון שטוב כדי ניט צו שטערן מיין רו.. ס'איז געווען אַ ליבע שטילקייט, וואָס קומט פונם געפיל וואָס זאָגט אזוי ווי אונטער: כאָטש קיינער איז ניטאָ, איז מען ניט עלנט, אַז אויף יענער זייט וואַנט גייען ארום ליבע און נאָענטע מענטשן מיט שטילע טריט און וואַרטן אויף דיין אויפשטיין..

איך בין שנעל ארונטער פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן.. ווען עס איז געקומען צום וואַשן און ראַ־זירען זיך, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן די ערשטע שוועריגקייטן, שוועריגקייטן פון דעם ניט באַקוועמען, קליינשטעטלדיגן לעבן...

מיינע אייגענע, ווי זיי וואָלטן דערפילט, אז איך בין שוין אויפגעשטאַנען, זיינען אַלע אריינגעקומען, און באַמערקנדיג ווי איך דריי זיך ארום א פאַרלאָרענער,

האָבן זיי מיך מיט איבערגעבענער גוטסקייט געפרעגט, וואָס זיי קאָנען טאָן צו מאַכן מיך באַקוועמער... איך האָב זיי געבעטן אָנצוואַרימען א ביסל וואַסער... איך האָב ארויסגענומען מיינע אמעריקאַנער ראַזיר־געצייג, צעלייגט אויפן טיש, „אויפגעשטעלט" מיין שפּיגעלע און זיך מיט מאַטערניש ווי עס איז אָפּגע־ראַזירט...

ס'איז געווען פרייטאָג. און צוליב מיין פאַרשלאָפן ביזן שפּעטן טאָג, האָט מען זיך אביסל פאַרשפּעטיגט מיטן צוגרייטן אויף שבת... איך האָב זיך געאיילט אַוועקצוגיין פון הויז צו געבן מיינע אייגענע א גע־לעגנהייט צו מאַכן שבת...

אימיצער פון מיינע אייגענע האָט געוואָלט מיט מיר מיטגיין, אָבער איך האָב דורכאויס פאַרלאַנגט צו גיין אַליין, ארומשפּאַצירן אליין איבער די גאַסן און געסלאַך, וואו מיינע קינדערשע טריט האָבן געטראָטן מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק... אריינזאַפּן אין זיך די פרייד און דעם טרויער פון אַלטע דעראינערונגען און נייע איבערלעבונגען...

מיינע אייגענע האָבן מיר נאָכגעקוקט מיט ליב־שאַפט און געטריישאַפט:

— דו זאָלסט נאָר ניט פאַרבלאָנדזשען!

לאַנגזאַם, ניט געאיילט, האָב איך שפּאַצירט דורכן שול־הויף, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון מיין

ברודער'ס שטוב. געציילט די שטיינדלאך, באטאפט און געגלעט מיט די זוילן פון מיינע אמעריקאנער שיך, ווי איך וואָלט זיך מיט יעדן שטיינדל באגריסט... אַ פּאָר מאָל זיך אפילו אָנגעבויגן און מיט דער האַנט זיי באַרירט, ווי איך וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צי זיי זיינען נאָך די זעלבע איבער וועלכע מיינע קינדער־שע יונגע טריט האָבן אַמאָל געטראָטן, אָדער באגרים איך גאָר אַנדערע, שוין פאַר מיר פרעמדע שטיינדלאך..

דער גאַנצער שול־הויף האָט איצט אויסגעזען אין מיינע אויגן אזוי קליין און פאַראָרימט, ווי עס וואָלט דורך דער צייט וואָס איך בין ניט געווען, געוואָרן איינ־געצויגן, איינגעשרומפּן פון יאָרן. מיינע בליקן האָבן געזוכט די הויכע, ווייסע שול, וואָס איז אין מיינע קינ־דער־יאָרן געווען דער „שפּיגל פון שטאָט"...

די שול. אויף אזוי פיל ווי איך האָב געקאָנט גע־דענקען, איז באמת געווען אַ וואונדערלאך שיינע סיי פון דרויסן, סיי פון אינווייניג; פּראַכטפול הויכע, דיקע ווייסע ווענט, מיט האלב רונדע „געזימסן", האָבן ארויסגעשפּיצט הויך איבערן שטאָט, און ווייט הינ־טערן שטאָט...

אינווייניג א זעלטן שיינער מיט גאָלד־באַפּוצטער ארון קודש, מיט אויסגעשניצטע באַגילדטע „לייבן", „הירשן", „לעמפּערטן", „טיגערן", וואָס האָבן מיך אין מיין קינדהייט אי געשראָקן, אי געצויגן...

די שול, דאָס איז געווען דער שבת און יום-טוב פון שטאָט... בלויז שבתים און יום טובים פלעגט מען דאָרטן דאַווענען... ווען דער ריזיגער בליץ-לאָמפּ וואָס איז געהאנגען הויך אין מיטן שול, פלעגט אָנגעצונדן ווערן מיט אַלע אנדערע לאָמפּן און ליכט, האָט עס פארשיינט די ארומיגע גאַסן...

אמייסטן האָט זיך די שיינקייט און ליכטיגקייט אָנגעזען אין דער נאַכט פון כל נדרי, ווען א חוץ דעם גרויסן הענגענדיגן בליץ-לאָמפּ און אלע אנדערע לאָמפּן, זיינען נאָך אָנגעצונדן געוואָרן צענדליגע גרויסע וועקסענע ליכט, און אַלע ליכטער צוזאמען האָבן זיך אויסגעמישט אין איין גרויסער ליכטיגקייט, וואָס האָט באַלויכטן די פּנים׳ער פון די מתפללים, וועלכע האָבן פון אונטער די ווייסע טלתים ארויסגעקוקט בלאָס און צעשראָקן פארן יום הדין...

און ווען דוד דער חזן, וואָס איז געשטאנען מיט זיין הויכער, ברייטער, מאַסיווער פיגור אנטקעגן דעם אָפענעם ארון קודש, האָט מיט זיין לייבן-שטימע ארויסגעברומט: „כל נדרי!״ האָבן אַזש די ווענט א ציטער געטאָן... א הייליגע מורא איז אלעמען באפאלן און דער עולם האָט זיך מיטאמאָל צעשאָקלט, ווי ביימער אין וואלד ביים אָנפלי פון א שטורם.

צו כל נדרי פלעגן קומען אין שול אפילו קריסטן, די פּני פון שטאָט, מיט די שטאָטישע באַמטע בראש...



זיי פלעגן שטיין דעם גאַנצן אָוונט און מיט גרויס דרך ארץ זיך צוהערן און צוקוקן צו אַלץ וואָס קומט פאָר... אַזאַ כל נדרי אָפּריכטן האָט מען טאַקע נאָר געקענט זען און פילן אין דער גרויסער שול... — — — — —

איצט איז פון דער שול פאַרבליבן א זכר: צע־בראָכענע, פאַרשווארצע, צעשאָסענע שטיקער ווענט... די רוסישע סאָלדאַטן וואָס האָבן פארן אַנטלויפן פון די דייטשן אין דער וועלט־מלחמה אונטערגעצונדן די שטאָט, האָבן אויך די שול ניט געשאַנעוועט..

באַמערקנדיג ווי ביי דער רעכטער זייט פון שול, שטאַרצט ווי א בלינד אויג ארויס א שטיק צעבראָכן פענסטער, האָב איך אַזש א שוידער געטאָן, — אָט דאָס פענסטער איז דאָך געווען פאַרבונדן מיט די קינ־דער־יאָרן. דאָרט אויף יענער זייט פענסטער איז דאָך געווען דער חדר, וואו אָרימע קינדער, און איך צווישן זיי, האָבן געלערנט אין תלמוד תורה אונטער דער אויפ־זיכט פון שטרענגע מלמדים און משגיחים... אָט דורך דעם פענסטער פלעג איך ארויסקוקן פאַרבענקט צו דער גאָס' אַרויס, ווען עס פלעגט מיר שווער ווערן איבער־צוטראָגן די ענגע, פאַרשטיקטע חדר־לופט. דאָס שטענ־דיגע אָכצן און קרעכצן פון מיין קראַנקן, יאַדישליוון מלמד אליהו דוד'ן, וואָס פלעגט זיך ביים חומש צע־הוסטן מיר גלייך אין פנים אריין... און ווען דער הוסט פלעגט זיך ביי אים איינשטילן, פלעגט ער א בייזער

זיך א וואָרף טאָן אויף די תלמידים, און מיט זיין לאַנ־גער דאַרער האַנט, דערלאַנגען רעכטס און לינקס, וואו ער האָט נאָר געקענט דערגרייכן...

אָט דאָרט אויף יענער זייט פענסטער האָב איך זיך אָנגעהויבן צו לערנען שרייבן אידיש ביי שלום דעם לערער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט פון תלמוד תורה צו לערנען אַלע אין דער פרי איין שעה מיט די צוויי־דריי הונדערט תלמוד־תורה־קינדער, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען פון אַלע שטיבלאַך (קלאַסן) און ווער ס'האָט געהאַט כח האָט זיך דערשלאָגן צום לערער, ער זאָל אים אָנשרייבן א „שורה" און דערנאָך זי נאָכ־געשריבן פון אויבן ביז אראָפּ...

אזוי ווייט ווי מיין זכרון טראָגט מיך, האָב איך דורך דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב געלערנט אין תלמוד תורה, זיך בלויז אַ צוויי־דריי מאָל געקענט דערשלאָגן צום לערער ער זאָל מיר אָנשרייבן א „שורה". מער האָב איך אים ניט באַדאַרפט, דאָס אי־בעריגע האָב איך זיך שוין דערלערנט פון זיך אליין...— אויף יענער זייט פענסטער...

איך בין געווען אזוי פאַרנומען מיטן באַטראַכטן די צעשטערטע שול, אז איך האָב זיך צוערשט אפילו ניט אומגעקוקט אויף די צוויי בתי־מדרשים, וואָס גע־פינען זיך אין שכנות מיט דער שול... פון ביידע בתי מדרשים איז בלויז איינער, וואָס מען האָט פאַר מיין

אוועקפאַרן גערופן: „דער נייער בית המדרש״, גע־בליבען גאַנץ... דער „אלטער בית המדרש״ איז אויך געווען האלב פאַרברענט, אָבער מען האָט אים ווי עס איז צוריק אויפגעבויט און אידן דאַוונען אין אים...

ס׳האָט מיך אַ צי געטאָן צום „נייעם״ בית המדרש, וואָס איז שוין איצט געווען גאַנץ אַלט... דער „נייער בית המדרש״ האָט אינגלוויז שטענדיג גערעגט מיין פאַנטאזיע, ווייל דאָרט האָט אין די פאַרנאַכטן, צווישן מנחה-מעריב, גע׳דרשנ׳ט „משה דער מגיד״, וועלכער איז געווען אַ מאַדים אויף צו דערציילן שיינע מעשיות און משלים, וואָס איך האָב שטאַרק ליב געהאַט צו הערן...

איך בין אריינגעגאַנגען...

עס האָט אויף מיר אַ שלאָג געטאָן מיט אַלטן, טוכלען ריח פון חלב און אַלטע ספרים... ס׳איז געווען שטיל, קיינער איז אין בית-המדרש ניט געווען. כ׳האָב דערפילט, ווי עפּעס אַן אומרואיגער געהיימניספולער ציטער נעמט מיך ארום... איך בין אַ ווײַלע שטיין גע־בליבען ביים טיר, ווי איך וואָלט מורא האָבן ווייטער צו גיין..

ביסלאכווייז בין איך געקומען צו זיך און לאַנג־זאַם, מיט ניט זיכערע טריט, גענומען גיין ווייטער, ביז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביים קאָכל-אויוון, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון דער טיר. דער אויוון, וואָס

איז אַמאָל געווען שניי־ווייס, איז איצט געווען שוואַרץ און פאַרברודיגט, ווי אַ קינד, וואָס מען האָט עס שוין לאַנג ניט ארומגעוואַשן...

הינטערן אויוון איז געשטאַנען אַן אַלטע, ברייטע באַנק, די זעלבע באַנק, וואָס מיט פינף־און־צוואַנציג יאָר צוריק. דאָס איז געווען די „זיפּץ־באַנק", וואו דער גאַר אָרימער עולם, בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות און אנדערע פונם „נידעריגן שטאַנד", פלעגן אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן זיצן און איינע פאַר די אנדערע אויסריידן די הערצער, זיך באַקלאָגן אויפן שווערן לעבן, און — זיפצן...

דורך די נעכט פלעגן די באַנק פאַרנעמען און מאַ־כען פאַר זייער מקום מנוחה די וועלכע מען האָט מיט חוזק גערופן די „נאַכט בעלי־הבתים"... דאָס' זיינען גע־ווען אַלערליי לײדיג־גייער, שנאָרער, „קראַמפּעס" און פאַרבלאָנדזשעטע פון אנדערע שטעט...

איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף דער באַנק, זי באַטראַכט פון אַלע זייטן.. יאָ, ס'איז דיזעלבע אלטע, געטרייע באַנק אויף וועלכער צענדליגע,אפשר הונדער־טער פון די אָרימסטע און נידעריגסטע פון פאָלק גע־פינען שוין צענדליגע יאָרן רו. און זי, די באַנק, וואָס איז שוין איצט אַ זקנה, קוים וואָס זי האַלט זיך, נעמט נאָך אַלץ אויף אַלע, וואָס נויטיגן זיך אין איר, אויף איר אַלטן רוקן וואָס ברעכט זיך שוין אין דרייען,





און טראָגט זיי און פארוויגט זיי ווי אַן אַלטע געטרייע באָבע אירע אייניקלאך...

„וויפיל ווייִ, וויפיל טרערן, וויפיל זיפצן האָט שוין אָט די אַלטע באַנק אין זיך אריינגעזאפט—האָב איך מיט וויטאָג געטראַכט — און וואָס וועט איר סוף זיין? ווען זי וועט אינגאנצן צוזאמענברעכן, וועט מען איר פאַרברענען אין בית־המדרש אויוון, אָט טאָקע אין דעמזעלבן אויוון לעבן וועלכן זי שטייט שוין אזוי פיל יאָרן, און עס וועט פון איר ניט בלייבן קיין זכר... ווי טאָר מען עס גאָר טאָן אַזאַ זאַך? אַזאַ באַנק וואָלט מען דאָך גאָר געדאַרפט האַלטן אין א מוזעאום אַלס סימבאָל פון מענטשלאכן עלנט און ליידן...”

— — — — — — — — — — — — — —

איך גיי ווייטער און באַטראַכט יעדן שטענדער, יעדע באַנק, יעדן טיש. אַלע דיזעלבע ווי איך האָב איבערגעלאָזן: אַלט, צעגריבלט, צעקראַצט, פאַר׳חלב׳ט, פאַרשוואַרצט, אָבער דיזעלבע... קיין זאַך איז ניט גע־ביטען געוואָרן, אפילו די ספרים אין די ספרים־שראַנקן ביי די ברודיגע ווענט, זיינען דיזעלבע. צעריסן, צע־פאַלען, פאַרלאַטעט, אָבער דיזעלבע, ווי די שטאָט וואָלט די גאַנצע צייט ניט בכח געווען צו פאַרבייטן אַלץ אויף ניי, אָדער מען האָט סתם נישט געוואָלט אומבייטן דאָס אויסזען פון קיין שום זאַך אין בית־המדרש, ווי עס וויל ניט א מענטש אומבייטן דאָס

פנים אויף אַן אנדערס, אַ פרעמדס, כאָטש עס׳ ווערט מיט דער צייט אַלט און צעקנייטשט...

און אָט פאַלן מיינע בליקן פּלוצלונג אויפן גרויסן, לאַנגן טיש אין בית-המדרש ווינקל, ארום וועלכן עס שטייען ארומגעשטעלט לאַנגע, שמאָלע בענק. ווי א צוגעשמידטער שטיי איך און באַטראַכט דעם טיש, דעם שטח ארום אים, די בענק, און קאָן די אויגן פון דעם ניט אָפּרייסן. עפּעס דאַכט מיר, אז אָט דאָס ווינקל איז מיר א סך היימישער, נעענטער ווי אַלע אַנדערע זאַכן אין בית-המדרש... עפּעס דערקאָן איך דאָרט דאָס, וואָס האָט א שייכות מיט מיין קינדהייט, מיט מיינע קינדערשע יאָרן, מיט מיין קינדערש לעבן.

איך פיל ווי איך ווער אינגאַנצן אוים׳ מענטש, אוים גרויסער דערוואַקסענער מענטש... דער שטח פון יאָרן צעפאַלט, כ׳ווער אַ קליינער אינגל, אַן אָרימער אינגל, פון אָרימע טאַטע-מאַמע, וואָס האָט ניט קיין אנדערע פאַרגעניגנס ווי זיך צו שפּילן מיט אנדערע אָרימע אינגלאַך, אָט דאָ אין בית-המדרש, אין קנעפּלאַך. און דאָס באַליבסטע ווינקל אונזערס איז טאַקע דאָ ביים טיש.. דאָ, ביי דעם טיש צעשפּרייטן מיר זיך מיט אונ-זערע קנעפּלאַך פון אַלערליי קאָלירן, גרויסע און קליי-נע, און ציען נומערן און צעטיילן זיך מיט אונזערע גע-ווינסען.

אָט דאָ אויפן טיש דערקאָן איך נאָך די שפּאַלטן

און אותיות, וואָס מיר פלעגן שטילערהייט, דער שמש זאָל ניט זען, אויסקריצן מיט אונזערע קליינע מעסער־לאַך, יעדערער דעם ערשטן אות פון זיין ערשטן נאָ־מען... עס איז איצט שווער צו דערקענען די אותיות, זיי זיינען טיף איינגעגראָבן, אָפגעריבן ווי אויף אַלטע מצבות... אָבער זיי זיינען דאָ... אינגאַנצן האָט זיי די צייט ניט געקאָנט אָפמעקן... — — — — — — —

מיינע געדאַנקען זיינען מיט אַמאָל איבערגעריסן געוואָרן פון א גמרא־נגון, וואָס האָט זיך צעקלונגען מיט אַ יונג, צאַרט קול׳כל איבערן בית־המדרש...

איך האָב זיך א כאַפּ געטאָן ווי פון א חלום... כ׳האָב באַמערקט ווי אַ בית־מדרש אינגל, ניט באַ־מערקנדיג מיך, האָט זיך צעשאָקלט און צעזונגען ער־גען אין א ווינקל פון בית־המדרש ביי א שטענדער אי־בער אַ גרויסער גמרא... און ניט־וועלנדיג אים שטערן, האָב איך זיך ארויסגערוקט שטילערהייט פונם בית־המדרש אויף דער גאַס ארויס...

⁂

פאַרנעמענדיג זיך צום מארק, איז מיר אויסגעקו־מען פאַרבייצוגיין דורך זייער א שמאָל און קורץ „בלינד געסל״, פוןביידע זייטן ווענט אָן פענסטער, מיט דיקע ברוק־שטיינער, וועלכע האָבן זיך שפּיציג ארויסגעהויבן און געשטערט די טריט... איך בין דאָס געסל דורכגעגאַנגען עטלאכע מאָל הין און צוריק, עס

באטראַכט פון אַלע זייטן, ווי איך וואָלט אין דעם דער־זען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גרויס וואונדער... דער „וואונדער" איז באשטאנען אין דעם, וואָס איך פלעג אַלס קליינער אינגל דורך אָט דעם „בלינדן געסל" דורכ־שלייכען עטלאכע מאָל אַ טאָג. מ'האָט דורכן געסל גע־מוזט גיין אויפן וועג צום מאַרק און עס האָט זיך דער־פאַר ביי מיר איינגעקריצט טיף אין זכרון, ווי איינע פון די היימישע געגנשטאנדן, וואָס איז פארבונדן מיטן אַל־געמיינעם בילד פונם שטעטל...

ווען איך בין ענדלאך ארויס צום מאַרק, בין איך אַ וויל שטיין געבליבן מיט ברייט צעעפנטע אויגן. די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון מיין קינדער־לעבן, פון מיינע אינגלשע יאָרן האָט זיך אַ וויקל געטאָן פאַר מיינע אוי־גען...

דער מאַרק, כאָטש דיזעלבע גרויס, דיזעלבע לענג און ברייט, די זעלבע פירעקעדיגקייט, האָט מיר ביים ערשטן בליק אויסגעזען אַ סך קלענער ווי אמאָל מיט פינף און צוואנציג יאָר צוריק... אָבער אין תוך איז ער געווען דער זעלבער, כאָטש דאָ און דאָרט אַ ביסל געענ־דערט, איבערגעבויט, איבערגעמאכט נאָך דער שרפה...

צום אלעם ערשט האָט זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן די שערענגע בודקעס אין מיטן מאַרק... די בוד־קעס, דאָס זיינען געווען און פארבליבן דעם „אָרימאַנ'ס קרעמלאך", וואו די פרויען פון אָרימעלייט און פאַר־

אָרימטע דאָרפס-פּויערים קאָנען קריגן אַלץ פאר א סך ביליגער ווי אין די מאַרק-קראָמען... די בודקעס, כאָטש נייע, האָבן אויסגעוויזן שוין גענוג אַלט און פארשמאַל-צען, ווי די פאַרקויפערקעס אין די בודקעס...

פון די בודקע בעל-הבית׳טעס האָט מיר נאָר איינע אויסגעוויזן אביסל באקאנט... אָבער איך האָב א טעות געהאט. דאָס איז געווען א טאָכטער פון יענער וואָס איך האָב געדענקט...

יענע, שרה גיטל, איז אין מיינע קינדער-יאָרן גע-ווען אן אינסטיטוציע אויפן מארק... איר בודקע איז גע-ווען די איינציגע וואָס איז געשטאנען מיטן פּנים צום „בלינדן געסל״, אַזוי אַז ווען מען האָט נאָר אריבערגע-שפּאַנט דאָס געסל צום מארק, האָט מען איר גלייך דערזען. אַלע אַנדערע בודקעס זיינען געשטאנען מיט זייערע „פּנים׳ער״ צו דער ברייט, אירע — צו דער לענג...

שרה גיטל איז געווען א ברייטע, רונדע אידענע, מיט א פארזאָרגט צעקנייטשט פּנים. אפילו אום זומער האָט זי אויף זיך געטראָגן א סך קאָפּטאַנעס מיט א די-קע פאטשיילע ארום איר קאָפּ. ווינטער האָט מען קוים ארויסגעזען איר פּנים.

דער „פייער-טאָפּ״, אויף וועלכן זי פלעגט זיך ווינ-טער ווארימען, האָט געהאט אַ נאָמען איבערן גאַנצן מארק. דאָס איז געווען א גרויסער, רונדער ערדענער טאָפּ, אין וועלכן עס׳ האָבן שטענדיג פלאַם-פייערדיג גע-

גליט קוילן. עס איז נאָר געווען אַ וואונדער, וואָס אירע קליידער האָבן זיך אויף איר נישט אָנגעכאַפּט. שרה־גיטל פלעגט אָפט לייען איר באַרימטן פייער־טאָפּ צו אירע שכנות „בודקע זיצער" צו דערוואַרימען זייערע פאַרפרוירענע אברים, פאַרוואָס די שכנים האָבן זי גאָר־ניט געקענט אָפּדאַנקען...

פון שרה־גיטל׳ס הענט און קליידער האָבן זיך שטענדיג געשפּירט דער ריח פון הערינג, וואָס זי פלעגט פאַרקויפן. אָרימע קינדער פלעגט זי פאַרקויפן שטיקלאַכווייז, פאַר אַ גראָשן אָדער צוויי, און נאָך צו־לייגן אַ שטיקל „רעגן", אָדער „מילך" פאַר אַ צולאָג. (אָ, וויפיל שטיקלאַך הערינג איך האָב ביי איר גע־קויפט).

שרה גיטל האָט געוואוסט פון אַלע „שווערע הער־צער" ביי אירע וויַיבערישע קונים. זיי האָבן פאַר איר אויסגערעדט דאָס האַרץ, איר אויסדערציילט פון אַלע זייערע צרות און וויטאָגן פון אייגענע אזוי גוט ווי פון פרעמדע, און אַז ס׳האָט איינער אויסגעפעלט געלט אויף ברויט אָדער אַ הערינג, האָט זי געבאָרגט...

איצט האָט שרה גיטל׳ס פלאַץ פאַרנומען איר טאָכטער חיהביילע. כאָטש אין אויסזען ענלאַך צו דער מוטער, אָבער פאַרט ניט איר מאמע, שרה גיטל, די „אינסטיטוציע" פונם מאַרק.. — — — — — — — — —

לאַנגזאַם, ווי איך וואָלט ניט געווען זיכער מיט מיינע אייגענע טריט, האָב איך זיך געלאָזט גיין וויי־

טער.. דורכגעשפאצירט די גאנצע לענג און ברייט פון מארק, באטראכט די הייזער, וואס פילע פון זיי זיינען געווען נאך ניט פארענדיגט. ארייגגעקוקט אין די ליידיגע קראמען, זיך אפגעשטעלט ביים ברונים אין מיטן מארק, וואס האט פארנומען דאס ארט פונם אמאליגן אלטן „פלומפ", וואס ווען מען פלעגט ווען ארויסברענגען וואסער, פלעגט מען דארפן פאמפען מיט אזא אייזערנער „האנט" און ס'וואסער פלעגט זיך ארויסגיסן פונם פלאמפס „מויל" אין עמער אריין. איצט דארף מען דעם עמער „אראפדרייען" אויף א קייט און ווען ס'שעפט זיך אן צוריק, ארויפדרייען.

אין מארק האט זיך שטארק געפילט דער ערב-שבת... די מארק-זיצערינס זיינען געזעסן אויף קליינע קעסטלאך לעבן זייער ביסל גרינע „אויבס", און אויםגערופן זייער ס'חורה. איילנדיגע ווייבער האבן זיך ארויבערגעבויגן, באקוקט, באטאפט, און זיך שטארק מיישב געווען צי זיי מעגן מיט דער האלבער „זלאטע" וואס זיי האבן נאך אין קעשענע, זיך פארגינען אזא שבת'דיגן לוקסוס...

אלץ ווי אמאל, ווי איך וואלט נעכטן אוועקגעפארען: דער זעלבער ערב-שבת'דיגער מארק-טומל, די זעלבע שמייעניש און איילעניש, נאר ווייניגער סחורה ביי די פארקויפער און מער פארזארגטקייט און דינגעניש ביי די קויפער...

איך בלייב שטיין אויף א ראג-גאס, וואו ס'האט

זיך אַמאָל געפונען מאַטיע דעם אפטייקער׳ס הויז מיטן אפטייק, לעבן א הויכן טעלעגראַף סלופּ. איך גיב א שטאַרקן ציטער, ווי איך וואָלט מיט אַמאָל באַרירט דעם לעבעדיגן עלעקטרישן טעלעגראַף דראָט...

אָט דאָ אויף דעם פּלאַץ, האָבן מיט פינף און צוואַנציג יאָר צוריק מיינע פיס צום לעצטן מאָל באַרירט די שטעטלשע ערד. פון דאַנען־אָ בין איך אָפּגעפאָרען. דאָ האָבן זיך מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע מיט מיר געזעגנט, — געשטאַנען אומעטיגע, פאַרזאָרגטע, און אויף מיר געקוקט מיט פאַרוויינטע אויגן ביז די פור איז אָפּגעפאָרן..

אָט דאָ־אָ, און היינט זיינען זיי שוין ביידע ניטאָ... ביידע...

כ׳דערפיל ווי טרערן רינען מיר פון די אויגן, און דער גאַנצער מאַרק מיט די מענטשן און אַלץ אַרום, ווערט בלייך און פאַרנעפּלט. בלויז דאָס שטיקל אָרט, וואו איך שטיי, לעבן טעלעגראַף־סלופּ, ווערט דער מיטל־פונקט, וואו האַרץ און נשמה איז איצט צוגעבונדען, און די פאַרטרערטע אויגן זעען איצט ניט קיין אַנדער אָרט א חוץ דעם פונקט, וואו מיין טאַטע־מאַמע זיינען צום לעצטן מאָל געשטאַנען פאַר מיר לעבעדיגע אין דער נאַכט פון מיין אָפּפאָר... — — — — — — — —

⁂

איך בין צוריק אין הויז. ס׳איז שוין פאַרנאַכט,



דבורה
אסתר

אַלץ איז שוין באַלד פאַרטיג, צוגעגרייט לכבוד שבת— צוליב מיר, — דעם גאַסט פון אַמעריקע.

געהאָלפן צוגרייטן דעם שבת האָט מיין שוועסטער, מיין שוועגערין און מיין ברודער׳ס טעכטער... יעדע איינע פון זיי האָט געגאַרט, אַז אַלץ זאָל אַרויסקומען מיטן עכטן היימישן טעם...

אין שטוב פילט זיך דער שמעקנדיגער ריח פון היימיש געפילטע פיש און היימיש געבאַקטע חלה... ראָזינקע־קיכלאַך און אַלע אַנדערע שבת׳דיגע מאכלים.

איך זאַפּ איין אין זיך אָט די אַלע היימישע, זיסע, ערב־שבתדיגע ריחות, וואָלכע איך האָב שוין אַזוי לאַנג נים געפילט...

איך זיץ ביים פענסטער אַ פאַרטראַכטער און קוק אַרויס צום גאַס. אידן אויסגעוואַשענע און אויסגעצוואָגענע, גייען שוין פון מרחץ. מאַרק־זיצערקעס לויפן פון גאַס מיט זייערע קוישלאַך, און פאַרשפּעטיגטע וויי־בערשע קונים יאָגן זיך צו זייערע היימען מיט זייערע פּאַפּירענע בייטלאַך אָנגעפּאַקט מיט קערלאַך, זיי זאָלן אַ גאַנצן שבת האָבן וואָס צו שיילן...

די זון איז שוין ווייט אין מערב. אַ ראָזעווער זונפּאַס באַזוימט די שפּיצן פון די דעכער, ווי ער וואָלט בכיון אַרומגעגאַנגען און פאַרפּוצט די שטאָט מיט אַ ראָזעווען זיידענעם שבת־שלייער..

— אין שול אריין!

גיט פּלוצלונג אַ קלינג אין מיינע אויערן אַן אַלט־

באקאנט ברייט אויסגעצויגן ציגן־קול...

איך גיב זיך א כאפ גלייך ווי אימיצער וואָלט מיך אין שלאָף מיט עפּעס א שטוים געטאָן, צו דערמאָנען אָן עפּעס!

איך שפּרינג אַזש אויף: „וואָס טוט זיך דאָ? וואו בין איך? צי מאַך איך ניט קיין טעות? ס'איז דאָך דאָס זעלבע קול וואָס מיט פינף און צוואַנציג יאָר צוריק, — ווי ס'וואָלט גאָרניט פּאַסירט. ווי איך וואָלט גאָרניט געווען אוועקגעפאָרן, ווי איך וואָלט גאָרניט עלטער געוואָרען מיט פינף און צוואַנציג יאָר, ווי איך וואָלט נאָך געווען א אינגל"....

מיינע אייגענע באמערקן מיין פאַרווירונג, פאַר־שטייען מיך, און קוקן מיך אָן שמייכלענדיג:

— האָסט געהערט רופן אין שול אריין? — פרעגט מיך מיין ברודער.

— יאָ, — זאָג איך, — און ווער האָט עס גערופן, ניט דער זעלבער?

— יאָ, יהודא לייב — כאַפּט אונטער מיין ברודער.

— יהודא לייב דער אונטער־שמש? — פרעג איך פאַרוואונדערט.

— ער איז שוין ניט מער קיין אונטער־שמש — ענטפערט מיין ברודער לאַכנדיג. — ער האָט שוין א גרעסערן טשין. היינט איז ער שוין א גאנצער שמש...

די „אינסטיטוציע" יהודא לייב, דער שול-רופער, האָט אויפגעלעבט אין מיין זכרון נאָך א שטאָטישע „אינס'טיטוציע" — „בערל שבת".

„בערל שבת" איז געווען אַ זעלטן פרומער איד, כאָטש קיין גרויסער למדן, ווי מען האָט געשמועסט, איז ער ניט געווען. אָנגעטאָן פלעגט ער גיין כמעט חסידיש, אָבער פאַר די חסידים איז ער געווען צופיל מתנגד און פאַר די מתנגדים צופיל חסיד... אַלע זיינען אָבער געווען איינשטימיג אויף דעם, אַז ער איז א גרויסער אָרימאַן, וואָס האָט נאָך דערצו ליב דעם ביטערן טראָפּן... מען האָט עס אים אָבער מוחל געווען, ווייל ס'איז יעדן געווען באקאנט בערל'ס טראגישער לעבן, איבערהויפּט זיין גרויסער צער, וואָס קיין איין קינד האָט ביי אים ניט דערלעבט אויפצואוואקסן...

פון וואָס און פון וואנען „בערל שבת" האָט געצוויגען חיונה פאַר זיך און זיין אשת חיל, איז מיר ניט באַקאַנט. ס'איז געווען באקאנט אַז ער הונגערט ממש. דאָס האָט מען געקענט זען פון זיין אויסגעמאָגערטן גוף און אויסגעבלייכטן פּנים. —

אין די ימים נוראים פלעגט „בערל שבת" זיין דער בעל-מוסף ערגעץ אין א „שטיבל" פאַר בעל-מלאכות, פון וואָס ער האָט אפשר פאַרדינט א פּאָר רובל. קיין גרויסער בעל-תפילה איז ער ניט געווען, ער איז אָבער

געוועז אַ שטאַרקער זאָגער אויף זיין אייגענעם שטיי-גער. שטייענדיג ביים עמוד, פלעגט ער זיך הויך און שטאַרק אויס'טענה'ן מיט דעם וואָס' זיצט דאָרט אויבן און משפט. ממש וועלטן איינלייגן מיט זיינע קולות און געוואַלדן. יעדע ווײלע פלעגט ער מיט זיינע דאָרע, ביינערדיגע הענט זיך אַ זעץ טאָן אין קאָפּ, אַז ס'פלעגט אָפּקלינגען איבערן גאַנצן „שטיבל"... כ'קען נאָך ביז היינט ניט פאַרשטיין, וואו ס'האָבן זיך צו דעם מענ-טשען גענומען אזוי פיל כחות.

פאַר זיין גרעסטע מצוה האָט ער געהאַלטן פריי-טאָג פאַרנאַכט נאָכן רופן אין שול אריין, זיך אָנטאָן אין זיינע שבת'דיגע קליידער און זיך ארויסלאָזן אי-בער די גאַסן און אויפן מאַרק, צו זען צי אידן האָבן אויסגעפאָלגט יהודא לייב'ס שול-רוף. ס'איז ניט געוועזן מקנא צו זיין די קרעמער, אָדער מאַרק-זיצער, וועלכע האָבן צוליב אַ פּאַר גראָשן לייזונג, פאַרשפּעטיגט צו-צומאַכן די קראָמען, אָדער אראָפּצורוימען די סחורה פון מאַרק. אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרסאָפּעטער, פלעגט „בערל שבת" קומען צו לויפן און מיט אלע כחות שרייען:

— שבת! שבת! שבת! (אין שטאָט האָט מען אים טאַקע צוליב דעם גערופן: „בערל שבת").

אָנפאַנגס' פלעגט ער זיך בעטן מיט גוטן:

— אידעלאך, קינדערלאך, קרוינעלאך, איר זעט

דאָך אַז ס׳איז שוין שבת, טוט מיר צוליב און גייט אַ היים!

ווען מען האָט אים ניט געפאָלגט, האָט ער גענומען שרייען, ליאַרעמען, שטראָפן:

— אידן, איר זינדיגט, איר זינדיגט אידן. שבת! שבת!...

בערל איז ניט אַפּגעטראָטן ביז מען האָט פאַר־מאכט די קראָמען און ארונטערגעטראָגן די סחורה פון מארק...

די שווערסטע מלחמה פלעגט „בערל שבת" אָנ־פירען אין באָד, וואו ס׳איז געווען פינסטער פון דער פאַרע און מען האָט ניט געקענט זען ווי שפעט ס׳איז. פונקט אין רעכטן ברען, ווען דער באָד־עולם איז גע־לעגען אויף די אויבערשטע בענק און געשריען: „דאַ־וואי פאַרע!" און זיך פאַסמאַקעוועט מיט די שמיץ פון די ברענענדיגע בעזימלאך, וואָס פון זייער היץ איז זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר... פלעגט „בערל שבת" אריינ־פאַלן אַן אָטעם, מיט אַ געוואַלד:

— שבת! שבת! שבת!

— אידן, איר זאָלט מיר געזונט זיין, — פלעגט ער זיך בעטן מיט גוטן — איר זעט דאָך אז ס׳איז שוין שפעט, איר ווילט דאָך ניט מחלל שבת זיין!...

— נאָך איין מינוטקעלע, ר׳ בערל, אָט.. אָט.. נאָך איין רייב.. — בעטן זיך ביי אים די אידן פון די אויי־בערשטע בענק..

איז שוין בערל געוואָרן בייז און זיך צעשריען מיט באַנומענע קולות:

— רשעים וואָס איר זענט! שוין זאָלט איר מיר אַרונטער פון די בענק! שבת! שבת! שבת!... — — — —

און ווען מען האָט אים ניט געפאָלגט, האָט ער גענומען שלעפּן מיט געוואַלד ווען מען פאַר א פּוס, ווען מען פאַר אַ האַנט, ביז מען האָט אים געמוזט נאָכגעבן, ווייל אַנהויבן זיך מיט „בערל שבת" אין אַזאַ מינוט איז געווען סכנות נפשות.. עס' האָט ניט גענומען לאַנג און די באָד איז אָפּגעליידיגט געוואָרן פון אידן..

„בערל שבת" איז אין שטאָט געווען נאָך אַ נויטיגערע אינסטיטוציע, ווי יהודא לייב דער שול-רופער, וואָס רופן אין שול איז געווען איינע פון זיינע פליכטן אַלס שמש.. בערל איז עס אָבער ניט מחויב געווען צו טאָן, ער האָט פאַר דעם ניט געקראָגן באַצאָלט, ער האָט עס געטאָן צוליב פרומקייט, צו ראַטעווען אידן פון מחלל שבת זיין.. — — — — — — — — —

איצט, נאָך יהודא לייב'ס רופן אין שול אריין, האָב איך געוואַרט צו דערהערן „בערל שבת'ס" קול זאָל אַרויסדונערן:

— שבת! שבת! שבת!

מיין וואַרטן איז אָבער געווען אומזיסט...

— עפּעס הער איך ניט „בערל שבת" שרייען: שבת! שבת! — זאָג איך צו מיין ברודער.

— „בערל שבת" איז שוין לאַנג טויט" — ענט-

פערט מיין ברודער מיט באַדויער אין זיין שטימע.
— און קיין אנדער שבת-שרייער איז גאָרניטאָ? — פרעג איך.
— דערווייל האָט נאָך קיינער זיין פּלאַץ ניט פאַר-נומען. ווער וויל עס ארומלויפן זיך רייסן אומזיסט דעם האַלז?... ניטאָ קיין סך אזעלכע „בערל'ס"...
— יאָ, — האָב איך צוגעשטימט — ניטאָ קיין סך אַזעלכע, ווי „בערל שבת" איז געווען, אפילו דאָ ביי אייך.

***

אין אָוונט גיי איך מיט מיין ברודער אין בית-המדרש, אינם זעלבן „נייעם בית-המדרש", וואו איך בין געווען אַליין ביי־טאָג. איצט איז אין בית-המדרש ליכטיג און היימלאך. די וואָס שטייען „אויבן" ביים מזרח-וואַנט, זיינען געשמאַק מקבל-שבת, און די וואָס דרייען זיך ארום פון הינטן ארום אויוון, פירן שטילע שמועסן...

איך קוק אויפן עולם, אויף די דאַוונער און שמוע-סער, כ'וויל געפינען עפּעס אַן ענדערונג, אָבער כ'געפין ניט, פונקט ווי איך האָב עס ניט געפונען ביי־טאָג אינם זעלבן בית-המדרש אָן די מענטשן.

וואָס איך באַמערק יאָ, איז, וואָס די מענטשן זען אוים אָרימער, פאַרעלטערטער און האָפנונגסלאָזער ווי אמאָל מיט פינף און צוואַנציג יאָר צוריק, ווי דער בטחון וואָס האָט אמאָל געוואַכט איבער זיי און זיי

געהאָלפן אין זייער נויט, וואָלט איצט איינגאַנצן זיי פאַרלאָזן.

דאָס דאַווענען איז געענדיגט. דער עולם באַגעגנט מיך מיט אומעטיגע שמייכלען... מען זאָגט מיר „גוט שבת!". איך ענטפער, אָבער איך קען קיינעם ניט; די פנים׳ער זיינען מיר פרעמד... כ׳זע בלויז דעם טיפן צער פון לאַנג־יאָריגע, שווערע איבערלעבונגען אין זייערע האָפנונגסלאָזע אויגן.

— וואָס מאַכסטו, איטשע? — פרעגט מיך איינער, וואָס רייסט זיך צווישן עולם צו מיר.

איך קוק אָן דעם אידן. אַ איד מיט אַ באָרד, אַ בלייך־פנים׳דיגער, אָן אַ סימן פון יוגנט.. איך דערקען אים ניט...

— כ׳זע אז דו דערקענסט מיך ניט... נו, ניט קיין וואונדער, אזוי פיל יאָרן אוועק.. כ׳בין לייבל, לייבל.. צוזאַמען מיט דיר אין איין חדר געלערנט...

— דו, לייבל?... — פרעג איך פאַרוואונדערט — און נעם ניט אַרונטער פון אים די אויגן, ווי איך וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען ווי ער האָט אַמאָל אויסגעזען.

— יאָ, לייבל, דיין אַמאָליגער חבר! — דריקט ער מיר ווארעם די האַנט.

— כ׳דערמאָן זיך:

— אַנטשולדיג, לייבל, כ׳האָב דיר שוין אזוי לאַנג ניט געזען...

— ווען דו וואָלסט געווען דאָ די גאַנצע צייט און

דורכגעמאכט דאָסזעלבע וואָס איך, וואָלט מען דיך אפשר אויך ניט דערקענט...

כ׳פיל דעם שטאָך, אָבער איך מאַך זיך ניט וויסנ־דיק און איך ענטפער אים ניט אויף דעם. אפשר פיל איך טאָקע אביסל שולדיג ווען איך באמערק, ווי כמעט אַלע פונם עולם קוקן אויף מיר מיט אזעלכע בליקן, ווי זיי וואָלטן זאָגן:

— אָט א גליקלאַכער מענטש!

נאָך אַלעמען איז דאָך מיין אמאָליגער חדר־חבר גערעכט — טראכט איך. — ווען דאָס מזל וואָלט מיך ניט ארויסגעריסן פון דאָרט, וואָלט איך דאָך שוין אויס־געזען ווי ער. שוין איינמאָל א גליקלאַכער... — — —

⁂

כ׳זיץ ביים שבת׳דיגן טיש, און עס די הייסע, פריי־טאָג־צו־נאַכטיגע מאכלים, וואָס מיין שווער גערין, מיין שוועסטער, און אַלע דערלאנגען מיר. און וואָס פאר א מאכל׳דיגער היימישער טעם אַלץ האָט... היימישע פיש, היימישע הוהן און פלייש, היימישע געבעקס, היימי־שער קאָכן, אַלץ, אַלץ היימיש. אפילו דאָס פארשווארצ־טע אויסזען פון די געריכטן, פון די שווארצע ערדענע טעפּ, שטערן ניט דעם הנאה׳דיגן היימישן טעם...

צוליב מיר, צוליב די פּאָר אמעריקאנער דאָלער, וואָס דער שבת האָט געקאָסט, האָבן זיך שוין געקאָנט פּארגינען אַלע צו עסן צו־זאָט א שטיקל פלייש מיט

הוהן, וואָס זיי קענען זיך ניט פאַרגינען אַ גאַנצע וואָך. און שבת בלויז טועם טעם זיין.

דאָס האַרץ הויבט זיך ביי מיר פון שמחה, פילנ־דיג ווי איך זיץ אַרומגערינגלט פון מיין גאַנצער קליי־נער פאַמיליע „קבצנים”. אָבער ווער איז די מינוט רייכ־כער פון מיר — פון זיי? כ׳פיל אויף זיך אַלעמענס גליק־לאַכע פּנים׳ער... אין שטוב פילט זיך אַ ליכטיגקייט, אַן אויפגעריכטקייט פאַר אַלע יאָרן פון שווערן לעבן, ליי־דען, עלנט און פּיין...

אָבער די גליקלאַכסטע אין דער מינוט איז געווים מיין שוועסטער רחל, — אַן עלנטע, שוואַכע פרוי, וועמענס מאַן איז קורץ נאָך דער חתונה, אין די מלחמה־יאָרן פאַרפאַלן געוואָרן, און מען ווייסט ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. אָט די אומגליקלאַכע עגונה, וועמענס לעבן איז דערנאָך געווען אָנגעהאַנגען אין דער מוטער, איז נאָך דער מוטער׳ס טויט געבליבן וואוינען איינע אַליין, טאַקע אין דער זעלבער קאַמער, אָן גליק און אָן פרייד, דערנערנדיג זיך פון דאָס׳ געלט, וואָס איך פלעג זי שיקן, און וואָס איר איינציגער גליק און פרייד איז געווען מיינער אַ בריוו פון אַמערי־קע. און דאָ זיץ איך ביי איר זייט. ווער קאָן נאָך זיין גליקלאַכער, און וואו און ווען דערוואַרטעט איר נאָך אַ גרעסער גליק אין לעבן?...

אירע אויגן זיינען פריידיג פאַרטרערט... אפשר טראַכט זי שוין און ציטערט פאַר דער מינוט פון מיין

מיין ברודער אַלטערס טאָכטער און איידעם

אין וועמענס הויז איך בין געשלאָפן

אוועקפאָרן, ווען אַלץ וועט זיך ווידער ענדיגן פאַר איר..

אָרימע שוועסטער, ווי שווער עס איז צו זיין אָפּ־העגניג אָן א לעבן פון איין מענטשן, וואָס איז נאָך דערצו טויזנטער מיילן ווייט, און מ׳דאַרף וואַרטן א פערטל יאָר־הונדערט פאַר דאָס ביסל פרייד פון צוזאַ־מענזיין א קורץ שטיקל צייט... אָרימע שוועסטער רחל..

— — — — — — —

⁂

דער ערשטער היימישער שבת־טאָג האָט זיך אָנ־געהויבען מיט דער היימישער שבת־שטילקייט, רואיג־קייט און געמיטלאַכקייט. ס׳איז געווען א היימישער זו־מער־טאָג, אָבער ס׳האָט זיך געאָטעמט לייכט און פריי. גלייך נאָכן עסן האָב איך זיך מיט מיין ברודער אַלטער ארויסגעלאָזט אויף א שפּאַציר, אריבערגעשפּאַנט דעם „נייעם בריק״, וואָס פירט צום שכנ׳ישן שטעטל נייַ־שטאַט, און פון דאָרט צום אַלטן היימישן וואַלד...

שפּאַנענדיג איבערן נייעם בריק האָב איך פון דער ווייטן געקאָנט זען די איבערבלייבאכצן פון „אַלטן בריק״, וואָס איז אין מלחמה־צייט צעשטערט געוואָרן. פאַרבליבן זיינען בלויז די שטיקלעך „זאַסטאַווס״, דאָרט וואו איך פלעג זיך אַלס אינגל אויסטאָן און באָדן ניט ווייט פון וואַסער־מיל, וואָס האָט שטענדיג געלאָקט מיין קינדערשע פאַנטאַזיע מיט זיין שטענדיגן וואַסער־גערויש און שאַפן ארום זיך א ווייסן, זילבערנעם, שווי־מיגען שטראָם. איצט איז פון דער מיל קיין שרוד ופליט

ניט געבליבן.

אויך דאָס וואַסער, דער גרויסער און ברייטער „גאַווערניץ" איז עפּעס ווי איינגעטריקנט געוואָרן. בלויז אויף איין זייט בריק איז געווען פאַרבליבן דאָס וואַסער. פון דער אנדערער זייט איז געווען טרוקן, וואָס ס'האָט מיך אי פאַרדראָסן און ווי געטאָן, ווייל ס'האָט מיר צעשטערט א בילד, וואָס איך האָב לאַנג ארומגע־טראָגען אין מיר...

דער וועג צום וואַלד, וואָס געדויערט ביי א האלבע שפּאַציר־שעה, איז פאַר מיר געווען א רעגונג. יעדע ווײַלע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, באַקוקט און באַ־טראכט יעדע הויז, יעדן געגנשטאנד, געזוכט עס צו פאַרגלייכן אין מיין געדאנק מיטן בילד, וואָס איך האָב געטראָגן אין זיך. מענטשן האָבן פון דער ווייטן אויף מיר געקוקט, געוויזן אויף מיר מיט די פינגער, אָבער איך בין אין דער מינוט געווען מער פאראינטערעסירט אין די טויטע געגנשטאַנדן, ווי אין די לעבעדיגע.

ווען מיר זיינען אריין אין וואַלד, האָט אויף מיר אַ יאָג געטאָן דער אַלטער היימישער וואַלד־ריח, און מיך ווי פאַרהיפּנאָטיזירט, מיך צוריקגעבראַכט צו מיינע קינדערשע און אינגלשע יאָרן, ווען איך פלעג מיט מיינע חדר־חברים דאָ בשתיקה ארומגיין און קלייבן יאגדעס, און זיך היטן עס זאָל ניט אָנקומען דער פריצטעס „לעשניק" און אָנרייצן אויף אונז דעם גרויסן, בייזן הונט...

ס'איז שטיל. מען הערט קוים מיינע און מיין ברו־דער'ס טריט שלייכן איבערן טיפן ווייכן גרינעם גראָז. די שפיצן פון די בוימער זיינען אָפּגעגאָסן מיט זון, און די בלעטער וויגן זיך לייכט און בויגיג, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרנויגט פאר מיר, דעם גאַסט פון אמעריקע, און מיך באַגריסט אויפן היימישן, פריינטלאַכן שטייגער:

„גוט שבת! גוט שבת!...״

און אָט בלייב איך מיט אמאָל שטיין א פארגאפּ־טער. כ'דערזע פון ווייטן א ווייסן פונקט. אָט דעם „פונקט״ האָב איך שטענדיג אין זינען געהאט. דאָס איז נאָך א געדעכעניש פון מיינע אינגלשע יאָרן..

אין יענע יאָרן, ווען איך פלעג קומען אין וואלד אריין, פלעג איך שטיין בלייבן אָט דאָ, אויף דעמזעלבן אָרט, און קוקן פון דער ווייטן אָט אויף דעם ווייסן פונקט. דאָס איז געווען דער פריצטעם, דער „כראַ־בינעס״ וואלד־פּאַלאַץ, וואָס איז געשטאנען פאררוקט ערגעץ צווישן בוימער, און ארויסגעזען האָט מען פון דער ווייט ניט מער ווי אַ ווייסן פלעק.

איך פלעג דעמאָלט שטענדיג שטיין פון דער ווייט און קוקן אויף יענעם ווייסן פלעק, עס האָט מיך שטארק געצויגן אהין, כאָטש בלויז איין מאָל א קוק צו טאָן אויף יענעם ווייסן, צויבערלאכן שלאָס, וואָס מיין קינדערשע פאַנטאַזיע האָט אויסגעמאָלן. אָבער

צוגיין נעענטער צום שלאָס׳ וואָלט געווען סכנות־נפשות, ווייל די הינט וואָלטן אפשר צעריסן. און אזוי איז עס ווי א סך פון מיינע קינדערשע חלומות, געבליבן אן אייביגער וואונטש...

מיין ברודער באמערקט, ווי איך שטיי א פאר־טראכטער מיט די בליקן ארייננעגראָבן אין יענעם פונקט.

— וואָס זעסטו דאָרטן? — פרעגט ער מיך פאר־וואונדערט.

איך אנטפלעק פאר אים, אביסל פארשעמט, מיין וואונטש, וואָס איך האָב שטענדיג געהאט, אָנצוקוקן דעם פאַלאַץ.

— אַז דו ווילסט, קענען מיר צוגיין אהין.

איך שטעל־אוים אויף אים א פּאָר פארוואונדערטע אויגן:

— וואָס רעדסטו, דער פריצטעס׳ הינט וועלן דאָך אונז צערייסן...

מיין ברודער שמייכלט:

— היינט איז שוין דערלויבט צוצוגיין. די אַלטע „כראַבינע״ איז שוין לאַנג טויט, און אירע יורשים דער־לויבן עס. עס איז דאָך עפּעס היינט „א פרייע רע־פּובליק״...

מיט אַ קלאַפּנדיגן הארץ און פארכאפּטן אָטעם בין איך, ניט געגאנגען, נאָר געלאָפן, צו אָט יענעם,

נאָך פון דער קינדהייט, אויסגע׳חלום׳טן ווייסן פונקט. מיין ברודער האָט מיך קוים געקענט נאָכלויפן.

ענדלאָך איז מיין לאַנג-יאָריגער חלום אמאָל אָנ-צוקוקן דעם פּאַלאַץ, פאַרווירקלאכט געוואָרן, כאָטש מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער — און נאָך אַ חלום פון מיין קינדהייט איז צעשטערט געוואָרן.

⁂

אין אָוונט, הער איך, אז עס דאַרף זיין א חתונה אין שטעטל. איך ווער שטאַרק נייגעריג בייצואוואוינען איצטער, מיט פינף און צוואַנציג יאָר שפּעטער, א היימי-שע חתונה.

אַמאָל, געדענק איך, פלעגט מען פירן חתן-כלה צו דער חופה צום שול, און די היימישע שטעטלדיגע כלי-זמרים פלעגן גיין פאָראויס: יצחק, יענקל און וועלוול מיט די פידלען; זיסקע מיטן קלאַרנעט, און שמואל׳קע מיטן באַס! און ווער זיינען עס היינט די כלי-זמרים, אז די מערסטע פון אָט די אלע אויסגערעכנטע זיינען שוין לאַנג אין אמעריקע, און אלע טוען זיי דאָרטן עפּעס אַנדערש און האָבן שוין אפילו פאַרגעסן, ווי מען האלט א מוזיקאַלישן אינסטרומענט אין האנט?

אָט אזוי טראַכט איך, גייענדיג מיט מיין שוועס-טער און מיט מיין ברודער׳ס טאָכטער, וועלכע פירן מיך צום פלאַץ פון דער חתונה.

שוין פון דער ווייטן הער איך דאָס שפּילן פון די מוזיקאַנטן אויף דער חתונה, אָבער עס איז גאָר אַן אַנ-

דער שפּילן, ווי אַמאָל. דאָס קוויטשעדיגע קול׳כל פון טראָמפּייט און דאָס באַסאָווע ברומען פון דעם גרויסן מעשענעם באַס, האָבן פאַרהילכט די שטאָט.

— וואָס פאַר אַ קלעזמאָרים שפּילן היינט?—פרעג איך ביי מיינע אייגענע.

— דאָס זיינען די מוזיקאַנטן פון דער „פרייער פאָזשאַרנער קאָמאַנדע״ — ענטפערן זיי מיר.

„נו, פאַרט עפּעס נייעס אין שטעטל״, טראַכט איך.

אָבער ווען איך קום-צו נעענטער צו דער חתונה, געפין איך אויס, אַז אַ חוץ די „מוזיקאַנטן״, איז אַלץ ווי געווען. ווי מיט פינף און צוואַנציג יאָר צוריק שטייען נייגעריגע צושויער אַרום הויז און מען קוקט אַריין דורך די פענסטער, און מען שטופּט זיך צו כאַפּן אַ בליק אויף דער כלה, וועלכע מען האַלט שוין אין „באַזעצן״, און דער בדחן „זאָגט״ טרויעריג דעם אַלט-באַקאַנטן:

— כלה׳ניו, כלה׳ניו, וויין, וויין!...

און די ווייבער אַרום דער כלה מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט, זשאַלעווען נישט קיין טרערן. עס איז דאָ געגוג פון וואָס צו וויינען אין אַ היימיש קליין פּויליש שטעטל, דאַנקט מען גאָט, אַז מען האָט געפונען אַ געלעגנהייט...

איך בין געווען אַנטוישט: מהאָט חתן-כלה דאָס מאָל דווקא נישט געפירט צו דער חופה צום שול, נאָר די חופה איז געווען לעבן הויז, כאָטש די חופה-צערעמאָניע איז געווען די אַלטע, ווי שטענדיג, ווי אַמאָל מיט

פינף און צוואנציג יאָר צוריק...

⁂

קורץ נאָך מיין אָנקומען אין דער אלטער היים, איז אויסגעפאלן מיין טאַטנס יאָרצייט. האָב איך זיך געפונען אין א פארלעגנהייט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און ווי אזוי איך זאָל דאָ האַנדלען.

פאַר אלע יאָרן וואָס איך בין אין אמעריקע, און זינט איך האָב דערהאלטן די טרויעריגע בשורה פון מיין פאָטערס טויט, האָב איך אָן מיין פאָטערס יאָרצייט קיינמאָל ניט פארגעסן. ניט האָבנדיג די געלעגנהייט דעם יאָרצייט אָפּצוהיטן אויף א פרומען, אידישן שטייגער, האָב איך אים אָפּגעהיט אויף מיין אייגענעם אופן — אָפּגעהיט אין געפיל, געשטעלט אַ יאָרצייט-ליכט ביי זיך אין הארצן...

אינם טאָג פון מיין טאַטנס יאָרצייט, האָב איך געפילט אַן אויסערגעוויינלאַך שטארקן און טיפן טרויער. דאָס בילד פון מיין פאָטער איז אויף א מינוט ניט אָפּגעטראָטן פון מיין געדאנק. ער איז געשטאנען פאר מיר אַ גרויער, אַ מידער, א פרי-פאַרעלטערטער און דאָס הארץ אין מיר האָט אין דעם יאָרצייט-טאָג אזוי ביטער געוויינט, ווי עמיצער וואָלט דאָרט אין דער שטיל קדיש געזאָגט...

אין דעם טאָג האָב איך אויסגעמידן יעדן פלאַץ און אופן פון אמוזירן זיך. דער טאָג איז פאר מיר געווען עפּעס גאָר אַן אַנדער טאָג, ווי אלע אנדערע טעג. —

(דאָס זעלבע האָב איך געפילט אינם טאָג פון מיין מו־טערס יאָרצייט) דאָס איז געווען דעם טאַטנס יאָרצייט־טאָג... — — — — — — — — —

דאָ, אין מיין קליין, היימיש שטעטעלע, דאָ פּראַ־וועט מען נאָך אַלץ יאָרצייטן אויפן אַלטן היימישן, פרו־מען שטייגער. קוקט מען אויף מיר, דעם אַמעריקאַנעם, מיט טויזנט אויגן... „שטאָט" ווייס, אז ס'איז מיין טאַ־טענס יאָרצייט, וויל מען זען, ווי איך וועל זיך דאָ אויפ־פירן, וועט מען זיך שוין במילא אָנשטויסן ווי איך האָב זיך אויפגעפירט אין אַמעריקע...

מיינע אייגענע, מיין ביסל משפּחה, קוקן אויף מיר אַ טאָג פאַרן יאָרצייט מיט אַזעלכע מיסטרויאישע בליקן. עפּעס זיינען זיי ניט זיכער, ווי איך, דער אַמע־ריקאַנער, וועל דאָ האַנדלען. זיי אַליין וואָלט עס' אפשר אַזוי ניט געאַרט, — נו, בין איך ניט אַזוי פרום, זיי וואָלטן מיר שוין מוחל געווען, אַבי מיין האַרץ איז אַ גוטס... אָבער די „שטאָט", וואָס וועט די „שטאָט" זאָגן?..

מען וויל עס מיר אָבער אָפן ניט אַרויסזאָגן און ניט פרעגן, טאָמער וועט מען אין מיר, דעם אַמעריקאַנעם, אָנרירן ניט די ריכטיגע סטרונע... שווייגט מען מיט שטומען און טיפן צער אין די אויגן..

מיין ברודער שלמה, אַ פרומער, פאַרהאָרעוועטער איד, מיט אַן האַלב איינגעבויגענער פּלייצע, מיט אַ רח־מנות פאַר'צער'ט פּנים, קען זיך אָבער פאָרט ניט איינ־

האַלטען און שטאַמלט אַרוים ניט זיכער, ווי ניט מיט זיין שטימע:

— כ'מיין, איטשע, אַז דו ווייסט, אַז מען דאַרף היינט „אויפשטעלן" יאָרצייט נאָכן טאַטן עליו השלום...

— אַ שאלה צי איך ווייס? געווים ווייס איך! כ'געדענק דעם טאַטנס יאָרצייט גאַנץ גוט! — באַרואיג איך מיין פרומען ברודער.

מיין ברודער, שלמה, ווערט אַזוי גערירט פון מיין ענטפער, אַז עס' גיט אַזש אַ פינקל אַ טרער ביי אים אין אויג. כ'זע, אַז ער וויל מיר נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער פאַרלירט זיך און די ווערטער פאַרהאַקן זיך ביי אים אין האַלז...

— דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן, שלמה? — פרעג איך מיט ליבשאַפט און צוגעלאָזנקייט אין מיין שטימע.

— יאָ... כ'מיין, אַז מען וואָלט געדאַרפט קויפן אַ יאָרצייט-ליכט.. — רעדט ער ענדלאַך אַרוים און קוקט מיך אַזוי מאָדנע אָן.

— אַ ליכט? זאָל זיין אַ ליכט! — זאָג איך.

— אַ גרויסע ליכט! אַ ליכט, וואָס זאָל ברענען פיר און צוואַנציג שעה... — רעדט ער אַרוים דערפרייט.

— גוט, גיי און קויף וואָס פאַראַ ליכט דו ווילסט און צינד זי אָן וואו מען דאַרף. נאַ דיר געלט אויף דעם! — זאָג איך צו מיין ברודער און דערלאַנג אים פאַר עטלאַכע יאָרצייט-ליכט...

בײַ מײַן ברודער גיבן אזש א לויכט די אויגן.

— איך װעל די יאָרצײַט־ליכט אװעקשטעלן אין אַלטן בית־המדרש אויפן טיש, װאו אידן לערנען „עין יעקב" און שטייט בײַם פענסטער װאָס גייט ארוים צו דער שול־הויף גאַס... — לאָזט ער מיר װיסן א פריילע־כער פארן אװעקגיין.

שפּעט אין אָװנט, האָב איך שטילערהייט, קיינער זאָל ניט באמערקן, זיך „ארויסגע׳גנב׳עט" פון הויז און אליין אװעקגעשלײַכט צום „אַלטן בית־המדרש" און זיך אַװעקגעשטעלט אנטקעגן פענסטער, װאָס גייט ארוים צום שול־הויף גאַס...

ס׳איז געװען שטיל און פינסטער.. נאַכטיגער אָר־מעט און מרה־שחורה׳דיגע פוסטקייט איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער די שטילע, פינסטערע גאַסן.. די נידעריגע חושח׳דיגע הײַזלאַך זײַנען געװען אײַנ־געהילט אין גרויל און אין פּחד.. — — — — — — — —

איך בין געשטאַנען אין חושך און געקוקט צום בית המדרש פענסטער צום אָרט, װאו מײַן טאַטנס יאָרצײַט־ליכט איז געשטאַנען א פּאר׳יתום׳טע און געװאָרפן מאַטע, טונקעלע שטראַלן צו דער פינסטע־רער גאַס..

דער טונקעלער פלאַם פון מײַן טאַטנס יאָרצײַט־ליכט האָט אָנגעפילט מײַן האַרץ מיט א טיפער בענקע־ניש. מײַן גאַנץ װעזן איז געװען דורכגעדרונגען מיט א

הייליגן טרויער געפיל צו מיין פאָטער..

לאַנג בין איך אזוי געשטאַנען און געקוקט. און ווען כ׳בין צוריקגעגאַנגען, האָבן די טונקעלע שטראַלן פון מיין טאַטנס יאָרצייט-ליכט מיך א שטיק וועג נאָכגע-פאָלגט...

⁂

עס איז פיר א זייגער בייטאָג. מיר זיינען אויפן וועג צום בית עולם, צו באזוכן די קברים פון אונזערע עלטערן...

דער טאָג איז א שיינער, א זוניגער. מיר גייען ביי-דע, איך און מיין ברודער אלטער. מיר גייען שטיל, ריידן ניט אוים קיין וואָרט, ווי שטומע, די קעפ ארונ-טערגעלאָזן.

מיין ברודער ווייסט און פילט וואָס ביי מיר אין הארצן טוט זיך, און ער וויל נישט פארשוועכן מיינע געדאנקען און געפילן מיט פשוט׳ע רייד.

מיר זיינען הינטערן שטאָט. מיר טאָפּטשען אין בלאָטע, און מיר זוכן שטומערהייט ארויפצוקומען אויפן טרוקענעם וועג, וואָס פירט צום בית-עולם.

פון ביידע זייטן ציען זיך פעלדער מיט יונגע קאָרן זאנגען, וועלכע זיינען באגילט מיט די שטראלן פון דער זון. עס שמעקט און עס אָטעמט מיט זומער, מיט שטילן יום-טוב׳דיגן לעבן און בליאונג. אין דער לופט פילט זיך קדושה. די זאנגען באוועגן זיך לייכט און שטיל, ווי

דאָס שטילע פלאַטערן פון פליגלען ערגעץ אין דער הויך.

און אָט דערהערט זיך פון דער ווייט דאָס געזאַנג פון דאָרפס-פרויען. דאָס געזאַנג איז אַזאַ אומעטיגס, אַזאַ בעטנדיגס, ווי ס׳וואָלט געווען אַ תפילה צו זייער גאָט, עס זאָל זיין אַ גוראַטן יאָר, אַז אַלץ זאָל וואַקסן און רייף ווערן, ער זאָל זיי אָפּהיטן פון אַלערליי נאַטור-שטערונגען, אַז זייער שווערע האָרעוואַניע זאָל ניט פאַרלאָרן גיין.

מיין ברודער גיט מיר אַ לייכטן ריר מיט דער האַנט, ווייזט מיר אויף עפּעס אָן מיטן פינגער.

איך גיב זיך אַ צאַפּל, דערזע פון ווייטן דעם טויער, דעם דורכגאַנג צום בית-עולם.

מיר גייען פאַרביי דעם „טויער״, וואו אָן אַ זייט געפינט זיך דאָס „מתים-שטיבל״, וואו עס ליגן אַלע חפצים, וואָס מען באַנוצט צוצוגרייטן דעם מת צו דער קבורה. איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך פלעג אַלס קליי-נער אינגל קומען אויפן בית-עולם, פלעגט מיך אָט דאָס „שטיבל״ שטענדיג שרעקן נאָך מער ווי אפילו די קב-רים. עפּעס אַ מאָדנער אומהיימישער פחד האָט געוויזט פון אָט דעם „מתים-שטיבל״. און כאָטש די טיר פונם שטיבל איז מייסטנס געווען פאַרמאַכט, האָט זיך דער פחד דורכגעריסן דורך די פאַרהוילענע שפּאַלטן און זיך דערטראָגן צו מיין יונגן געמיט. איך האָב נאָכדעם אַ סך

נעכט ניט געקענט שלאָפֿן.

און איצטער, שוין זייענדיג א דערוואקסענער מענטש, און שוין האָבנדיג אויסגעווען א וועלט, ווייט פון די אמאָליגע קינדערשע, היימישע, קליינשטעטלדיגע אבערגלויבנס און פחד, — אויך איצטער האָב איך א ציטער געטאָן, ווען איך בין פארבייגעגאנגען אָט דעם „שטיבל", וואָס האָט, ווי אמאָל, אויסגעזען אזוי עלנט איינזאם און פארלאָזן, ווי עס בלייבן די מענטשן נאָכדעם ווי זיי גייען דאָס לעצטע מאָל דורך אָט דעם שטיבל.

איך בין שנעל דורכגעלאָפן מיט א מורא'דיגן געפיל — א געפיל וואָס האָט ארויפגעבראכט אויפן זינען די אינגלשע יאָרן.

און אָט טרעטן מיר צווישן די קברים איבער טיפן, ווילדן בית-עולם גראָז, פון וועלכן עס טראָגט זיך אָן אומעטיגער בית-עולם ריח. מיר „בראָדזשען" צו דעם פלאַץ, וואו עס געפינען זיך די קברים פון מיינע עלטערן. מיין ברודער גייט שטיל פאָראויס און איך — נאָך אים, א פארטרויערטער, א פארטראכטער.

די בלעטער אויף די אלטע ריזיגע בית-עולם ביימער באַוועגן זיך לייכט, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך שטיל דורכגעשמועסט, און געלאָזט וויסן איינע די אנדערע, אַז אַ „לעבעדיגער" גאסט איז געקומען פון די ווייטע מקומות, דאָ צו זיי, אויפן עולם-האמת, — אויף קבר-אבות.

דאָס גרין-באַוואַקסענע פּעלד איז פול מיט אַלערליי מצבות; גאָר אַלטע און גאָר נייע; קליינע און גרויסע, נידעריגע און הויכע, אָרימע און רייכע. ווי אויך דאָ, אויפן עולם-האמת, וואָלט געווען אַן אונטערשיד פון מענטש צו מענטש.

ענדלאַך איז מיין ברודער שטיין געבליבן ביי אַ קליינער, אָרימער מצבה, וואו די אויפשריפט איז שוין כמעט געווען אָפּגעריבן.

— דעם טאַטנס קבר, — האָט ער אומעטיג ארויס־גערעדט.

איך בין שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער.

עס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען, צופאַלן צום קבר, אויסשרייען:

— טאַטע! דאָס בין איך, איטשע, דיין זון פון אַמע־ריקע!

כ'האָב עס אָבער ניט געטאָן. ווי אַ שטומער בין איך געשטאַנען און געקוקט אויפן בערגל באַגראָזטע ערד, און געטראַכט מער פון דעם לעבעדיגן טאַטן, ווי פון טויטן. זיך דערמאָנט אָן זיין שווער אָרים לעבן אַלע יאָרן, אָן זיין שטענדיגן ארומלויפן זוכן וואו צו פאַרדי־נען אַ שטיקל ברויט פאַר זיין פאַמיליע; אָן זיין קורצן אָטעם און יאַדישליוווע צעהוסטן זיך אַלע ווייל. און נאָך און נאָך איז מיר געקומען אויפן זינען.

מיין ברודער האָט מיך אַ שטומען צי-געטאָן פאַרן האַנט:

איש תם וישר
בשם טוב
נפטר
תנצבה

— קום, עס ווערט שפּעט!

און ווידער האָבן מיר געטראָטן דורך באַוואַקסענע ווילד־גראָזיגע קברים און שטומע מצבות, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו א קליינער, אויף איין זייט איינגעבויגענער, מצבה.

— דער מאמע׳ס קבר, — האָט מיין ברודער מיטן זעלבן אומעטיגן, נאָר מיט א ביסל מער פאַרשטיקטן קול, ארויסגערעדט.

אַ לאנגע צייט בין איך געשטאַנען ווי א צוגעשמידטער ביי מיין מוטער׳ס קבר, דעם קאָפּ אראָפּגעבויגען, די אויגן אריינגעגראָבן אין דעם בערגל ערד; געקוקט, געקוקט, געטראַכט, געטראַכט... וואָס? ווער קען איבערגעבן די געפילן פון א זון, וואָס האָט זיין מוטער פינף און צוואנציג יאָר נישט געזען, און אלץ וואָס ער קען איצט טאָן איז שטיין ביים בערגל ערד און קוקן, קוקן, טראַכטן, טראַכטן, און לאָזן דעם ווייטאָג שטום נאָגן, און די אויגן שטום וויינען...

ווען מיר זיינען געגאַנגען צוריק, האָט זיך די זון שוין געהאַלטן אין זעצן. דער היימישער זומער־אָוונט האָט מיט שטילע און ווייכע טריט זיך גע׳גנב׳עט פון די פעלדער צום שטעטל, צו די שטילע הייזער און גאַסן. דער פאַסטוך, וואָס האָט געפירט זיינע שעפעלאך פון די פעלדער, האָט רואיג געשפּאַנט נאָך זיין סטאַדע, און מעלאַנכאָליש אויסגעפייפט זיין אָוונט־ליד.

יצחק בלום

⁂

גאַנצע טעג בלאָנקע איך אַרום אַ פּאַר׳חלום׳טער איבער די שטעטלשע גאַסן און געסלאַך. טאַפּ, קוק, באַטראַכט אַלץ, און איך קען זיך גאָר זאַט ניט אָנקוקן...

שעה׳ן לאַנג שטיי איך אָפּ אַ פאַרטראַכטער לעבן מרדכי משנה׳קעס גאָרטן, לעבן הויז וואו איך האָב אינגלווייז געוואוינט. וועגן דעם הויז און איר בעל־הבית מרדכי מנשה׳קע, וואָלט זיך געפאָדערט אָנצושרייבן אַ גאַנצן בוך, ווייל סיי דאָס הויז, און סיי איר בעל־הבית, זיינען געווען טרויעריגע, אייגנאַרטיגע „אינסטיטוציעס״ אין שטאָט און די יעניגע וועלכע האָבען דאָרטן געוואוינט אַ שטיקל צייט, וועלן עס ניט פאַרגעסן דעם גאַנצן לעבן. דאָ וועל איך בלויז דערמאָנען דעם גאָרטן, ווייל דאָס הויז איז אין די מלחמה־יאָרן סיי־ווי אוועק מיטן פייער... און דער בעל־הבית איז שוין לאַנג ניט צווישן די לעבעדיגע...

דער גאָרטן אָבער איז פאַרבליבן. פאַרבליבן ווי אַ זכר פון מיינע קינדער־יאָרן, ווען אָט דער גאָרטן איז געווען מיין גאַנצע טרייסט. איך האָב מיט דעם גאָרטן געלעבט און געאָטעמט. דער גאָרטן איז אפשר געווען דער געבענטשטער כח, וואָס האָט אין מיר פון קליינערהייט אָן איינגעפלאַנצט אַ פּאָעטישן געפיל, אַ ליבשאַפט צו דער נאַטור און צו אַלץ וואָס וואַקסט און בליט...

אין פרילינג פלעג איך שטיין דערביי, ווי מען האָט דעם גאָרטן געאַקערט, און פארזייט... און דערנאָך יעדן פרימאָרגן ביים אוועקגיין, און יעדן אָוונט ביים צוריק-קומען פון חדר, מיט אינגלשער פרייד באַגעגנט יעדער ניי גרעזעלע, און בלעטעלע וואָס האָט ארויסגע-שפּראָצט. אזוי טאָג נאָך טאָג ביז אין מיטן זומער, ווען אַלץ האָט זיך צעוואקסן מיט פולער שיינקייט און בלי-אונג אונטער א הייסער, זומערדיגער זון, וואָס האָט דעם גאָרטן אי געווארימט, אי באַלויכטן...

ווען איך פלעג דערזען רייפע גרינע אוגערקעס, רויטע בוריקעס, און אלע אנדער געוויקסן ארויסקוקן פון אונטער די בלעטער, איז צו מיין פרייד קיין גרעניץ ניט געווען. איך האָב אויף דעם געקוקט ווי אויף מיין אייגנס, ווי אויף אייגענע אויסגעטרוימטע און אויסגע-בענקטע האָריוואַניע... כאָטש איך האָב אינוויינינג אין גאָרטן, אפילו א פוס' ניט געטאָרט אריינשטעלן, און האָב אַלץ געמוזט באַטראַכטן פון אויסנווייניג, פון הינ-טער די שטאכעטן...

אין האָרבסט, ווען דער גאָרטן איז געלעגן א פּוס-טער, אַ פארוויסטער, מיט ארויסגעריסענע שווארצע שטיקער ערד, פון וועלכע ס'האָבן ארויסגעקוקט ווי טויטע ביינער, איבערגעבליבענע וואָרצלען פון פאַר-שידענע געוויקסן, פלעגט מיין פרייד פארשווינדן און אַ טיפער אומעט פלעגט ארומנעמען מיין יונג האַרץ...

און מיין שווער אינגליש לעבן אין יענער הויז נאָך שווערער געמאכט, און מיין געמיט פינסטערער... — —

איצט, מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער, שטיי איך ווידער און קוק אויפן גאָרטן, וואָס איז איצט אין זיין פולער בליאונג, ווי אַמאָל, ווי דעמאָלט. די נאַטור בלייבט שטענדיג יונג, נאָר מיין האַרץ איז עלטער געוואָרן. ניטאָ מער יענע אינגלשע פרייד... און אפשר אויך ניט יענער אינגלשער יוגנט-טרויער... — — — —

⁂

דער הויכער, קיילעכדיגער צעהאַקטער קאַסטאַר האַלץ אויף דער הויפּישער גאַס, וואָס איז געשטאַנען מיט עטלאַכע צענדליג יאָר צוריק, שטייט נאָך אַלץ לעבן דעם הויז, וואָס איז אַמאָל געווען חיים פּוקס'עס, וואו מיר האָבן געוואוינט ביז איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר אַכט, ניין. דאָס זעלבע הויז איז שוין טאַקע ניטאָ, עס שטייט שוין אַן אנדער הויז, אויך דער בעל-הבית פונם הויז, חיים פוקס, איז שוין מער ניטאָ, אָבער דער קאַסטאַר האָלץ שטייט נאָך אלץ אויפן זעלבן פּלאַץ, ווי ער וואָלט גאָרניט גערירט געוואָרן, ווי מען וואָלט אים ערשט נעכטן אַוועקגעשטעלט...

שטיי איך און קוק אויפן קאַסטאַר האָלץ און ווי-דער שווימט ארוים א שטיק פון מיין קינדער-לעבן....

אָט דאָ לעבן דעם קאַסטאַר האָלץ פלעג איך זיך שפּילן, שטיפן מיט אונזער שכנ'טעס מיידעלע, אסתר-

קע, וועלכע איז געווען אין מיינע יאָרן. דאָס איז גע־
ווען א שיין, בלאָנד מיידעלע, מיט בלויע, ליכטיגע אוי־
געלאך. מיר זיינען געבוירן געוואָרן אין זעלבן הויז,
אויפגעוואקסן צוזאמען און געווען שטארק צוגעבונדן
איינע צו די אנדערע. מיר פלעגן שטענדיג זיצן איינע
ביי די אַנדערע אין די הייזער, און אונזערע מאַמעס
האָבן אונז געגעבן צו עסן פון איין שיסעלע.

ס׳האָט געהייסן, אַז מיר האָבן זיך שטאַרק ליב פון
קליינערהייט אָן און אז מיר וועלן שוין בלייבן שטענדיג
פאַרליבטע, אפילו ווען מיר וועלן אויפוואַקסן און ווערן
גרויסע.

נו, האָט זיך געמאכט, אז מיינע עלטערן האָבן
(מסתמא צוליב פרנסה) זיך געמוזט אריבערקלייבן אין
אַן אנדער שטאָט, וואו איך האָב זיך מיטאמאָל געפונען
אין א נייער אומגעבונג, מיט נייע חברים און חבר־
טעס... אסתר׳קע אָבער איז מיר אויף א מינוט פון זי־
נען ניט ארויס, איך האָב נאָך איר שטארק געבענקט...

אין א צוויי דריי יאָר ארום זיינען מיר צוריקגע־
פאָרען זיך באזעצן אין אונזער שטעטל, האָב איך קוים
געקענט דערוואַרטן די מינוט איך זאָל זיך ווידער אמאָל
טרעפן מיט מיין חבר׳טע אסתר׳קען. איך בין געווען
זיכער, אַז זי וועט זיך מיט מיר שטארק דערפרייען, אז
זי וועט זיך מיט מיר ארומכאפּן מיט דער זעלבער קינ־
דערשער פרייד ווי אמאָל, ווען אונז איז אויסגעקומען

צוליב פאַרשידענע סיבות, אַ טאָג, אָדער צוויי, זיך ניט צו זען... וואָס נענטער די פור איז געקומען צו אונזער שטעטל, אַלץ מער האָט מיין קינדעריש האַרץ געקלאַפּט און זיך געהויבן פון שמחה, וואָס איך וועל זיך באַלד טרעפן מיט אסתר'קען...

איך בין אָבער קינדעריש ביטער אַנטוישט געוואָרן באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אסתר'ן. זי איז שוין געווען אַ צוויי דריי יאָר עלטער, און איר גאַנצע באַנעמונג איז שוין געווען ווי פון אַ דערוואַקסענער פריילין... ס'האָט געפעלט די קינדערשע שמחה, די קינדערשע אָפנהאַרציגקייט און צוגעלאָזנקייט.. ניין, ניט אַזאַ „אויפנאַם" האָב איך דערוואַרט פון מיין חבר'טע אסתר'קען... און מיין קינדעריש האַרץ האָט זיך געפילט שטאַרק געקריינקט און באַליידיגט.. מעגלאַך אַז דאָס איז אפשר געווען מיין ערשטע ביטערע אַנטוישונג אין מיין לעבן אין אַ פרוי...

איך בין דעמאָלט ברוגז געוואָרן און זי אויסגעמיטן אַלע יאָרן פון מיין זיין אין דער היים, ביז מיין אַוועקפאָרען קיין אַמעריקע... וואו מיר האָבן זיך שפּעטער מיט יאָרן געטראָפן, געוואָרן גוטע פריינט, אָבער, — ניט קיין פאַרליבטע...

⁂

אויף דער זעלבער הויפּישער גאַס וואו איך זע איצט שטיין די „עלעקטעראָווניע" (עלעקטרישע סטאַנ-

ציע) איז אמאָל געשטאנען די „גוזשעלניע״, וואו משה שמעון שמייעס פלעגט קאָנקורירן מיטן קייסער מאכנ־דיג אין דער שטיל „טרפה׳ן״ בראָנפן, וואו פאר פיר־פינף גראָשן האָט מען ביי אים געקענט קריגן דעם בעסטן טרונק, אפילו פסח׳דיגן...

ווען מיין פאָטער, עליו השלום, פלעגט מיר אלס אינגל שיקן צו משה שמעון שמייעס, קויפן פאר עטלא־כע גראָשן בראנפן, פלעג איך דאָרט שטענדיג טרעפן דעם קייסערם משרת, דעם שטאָטישן אוראדניק (פאָ־ליסמאן) זיצן ביים קאָכיגן קעסל א טויט שיכור׳ער און ווארפן שטיקער האָלץ אין אויוון אריין, דער קעסל בראנפן זאָל בעסער קאָכן...

דער זעלבער אוראדניק האָט אויסגעליגן זיין שווערד, ווען היימישע „אַקטיאָרן״ האָבן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שטעטל אויפגעפירט „בר כוכבה״ אין דער שטאָל פון דער „פאָזשארנער קאָמאנ־דע״ (פייער־לעשער), וואָס שטייט נאָך אלץ אויף דעם זעלבן פלאץ אין דער הויפישער גאַס...

דעם אוראדניקס שווערד איז דעמאָלט גוט צונוץ געקומען בר כוכבה׳ן, וואָס האָט זיך מיט אזוי פיל העל־דישקייט פארמאָסטן אַנטקעגן די רוימער. און ווען דאָס „חיל״ האָט געשוואָרן טרייהייט צו בר כוכבה׳ן, האָט זיך דער קול פונם שיכור׳ן אוראדניק, וואָס האָט זיך צו־געטשעפּעט צו דער שפיל, געהערט העכער פון אלע־מען:

— מיר שווערן! מיר שווערן!...

מיין ברודער אַלטער איז געווען דער „סופליאָר”, וואָס איז געשטאַנען הינטער א פאָרהאַנג און אונטער־געזאָגט. און יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך פארשפּע־טיגט מיט א וואָרט, האָט ער פון „אַקטיאָר” געכאַפּט אַזאַ זעץ אין די פּיס, אז ער האָט לאַנג געהאַט צו גע־דענקען...

אויך איך האָב דעמאָלט אָן אנטייל גענומען אין דעם שפּיל. דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל, מער האָב איך קיין טעאַטער ניט געשפּילט. פון דעמאָלט אָן האָט דאָס לעבן געשפּילט טעאַטער מיט מיר... — —

⁂

אַט בין איך אין דער „דייטשער גאַס”, די איינצי־גע גאַס, וואָס איז פון דער מלחמה־שרפה גאַנץ גע־בליבען. אמאָל, פאַר דער מלחמה, האָבן אויף דער גאַס געוואוינט א סך דייטשן, געפירט טוך־פאַבריקן; און אידישע מיידלאך האָבן פאַר זיי געאַרבעט פאַר פינף גולדן א וואָך (פופציג סענט) פון פינף פאַרטאָג ביז ניין אזייגער ביינאַכט. היינט באַגעגן איך זעלטן א דייטש, און די דייטשע קירכע שטייט פוסט, פאַרברודיגט און אָפּגעלאָזן.

און אַט בין איך אויף דער מאָלצער גאַס, וואו עס שטייט נאָך אַלץ די „רוסישע צערקווע”, וואו אין א זונטאָג, אָדער אין א רוסישן יום־טוב, פלעגן רוסישע

טשינאָווניקעס און סתם רוסישע שטעטלדיגע אינטעלי־גענץ ארומשפאצירן בעל־הבית׳יש מיט שטאָלץ ארום דער צערקווע און רעדן הויך און לאכן. היינט איז דאָרט וויסט און טויט, קיינער שמעקט צו דער צערקווע ניט צו, ווי מען וואָלט זיך געשעמט צוצוגיין צו איר. פאַר־יתום׳ט, פאַרשווארצט שטייט זי אָפגעזונדערט אין איר איינזאמקייט, ווי א טרויערדיגער אָנדענקען פון איר צארישער פאַרגאַנגענהייט...

דערפאַר אָבער איז ביים פוילישן קלויסטער פריי־לאַך און לעבעדיג. פון אלע זייטן קומען אָן וועגענער פון די דערפער אָנגעפאקט מיט אלטע און יונגע פאָליא־קען, שקצים און שיקסעס. אויסגעפוצט אין זייערע בעסטע קליידער, שטייען זיי פארן קלויסטער און רעדן, לאַכן און שטיפן. מיט עכטער פוילישער גאוה שפאצירן זיי ברייט, מיט פאַרנעם ארום דעם קלויסטער, ווי זיי וואָלטן זאָגן:

— היינט איז אונזער צייט, היינט זיינען מיר די בעל־הבתים!...

אָט אזוי שפּאר איך דורכן טאָג אָן אין יעדער ווינ־קעלע, הער ניט אויף צו זוכן און זיך צו גריבלען אין יעדן אָרט, וואָס עס דאכט זיך מיר נאָר אוים, אז עס איז מיר באַקאַנט, אז עס האָט עפּעס אַ שייכות מיט מיינע קינדערשע און אינגלשע טריט...

⁂

שוין צוויי חדשים, אַז איך בלאַנקע אַזוי אַרום. אַ פּאָר טעג דורך דער וואָך ליג איך אין וואַלד, רו, און טראַכט פון אַלץ, וואָס איך לעב איבער. פּרוּאוו אַלץ באַנעמען, איינזאַפּן, אַריינזויגן עס אין זיך, איך זאָל עס האָבן אויף יאָרן צו געדענקען.

ביסלאַכווייז הויב איך אָן צו פילן, ווי דאָס קליין, היימיש שטעטעלע מיינס הויבט מיך אָן צו לאַנגווײלי־גען. די אומבאַקוועמלאַכקייטן פון דעם קליין־שטעטל־דיגען היימישן לעבן הויבן מיך אָן צו דערעסן. עס פעלן מיר אויס די נויטיגסטע באַדערפעניש, צו וואָס אַ גרויסשטאָטישער מענטש איז צוגעוואוינט, און קאָן זיך אָן דעם ניט באַגיין.

די שווערינקייט פון אָפּראַזירן זיך יעדן פרימאָרגן ווערט ביי מיר אָן אָפּקומעניש... און איך הויב אָן זיך אַליין אָפּצונאַרן מיט פאַרפעלן אַ טאָג אָדער צוויי... ווען איך טו אָבער אַ קוק אין שפּיגל, דערשרעק איך זיך, איך הויב אָן מורא צו האָבן, אַז עס וועט ניט נע־מען לאַנג און איך וועל אַרומגיין מיט אַ גרויסער באָרד גלייך מיט אַלעמען, עפּעס וואָס מען וואָלט אין „שטאָט" געוואָלט... ווייל „שטאָט" קאָן מער ניט פאַר־טראָגען, וואָס איך גיי אַזוי שיין און ריין אָנגעטאָן און ווייז אויס אַנדערש ווי זיי. פּוסט און פּאַסעווע, האָב ניט קיין דאגות פרנסה, און ליג זיך רואיג אין וואַלד אויפן

העמאק און וויג זיך...

נאָך שווערער ווערט פאר מיר די פראָבלעם פון נעמען א וואנע. ניטאָ וואו און קיין מיטל ווי דאָס צו טאָן. דער איינציגער וועג איז צו טאָן ווי אלע — גיין אַלע פרייטאָג אין שטאָטישן מרחץ, און אויפהענגען די זאַכן אויפן „דרענגל”... נו, פון דעם בין איך שוין אוועק פינף און צוואנציג יאָר, און איך קאָן עס ניט, ווי נויטיג עס׳ זאָל מיר ניט זיין...

פאַר איך אָפּט אַוועק פון מיין שטעטל קיין וואר־שע נעמען א וואנע... און יעדע וואַנע קאָסט מיר אזוי פיל, אז מען קאָן אויף דעם לעבן אין שטעטל א צען וואָכן. מורמלט מען טאקע, אז די אמעריקאנער זיינען גרויסע אויסברענגער, אז עס שטייט „זיי” ניט אָן צו גיין אין דער שטאָטישער באָד, גלייך מיט אלעמען, און מען שלעפּט אוועק דעם פּדיון ערגעץ אין דער פרעמד...

פון צייט צו צייט פארלאָז איך סתם מיין שטעטל, און לאָז זיך אַוועק אין די גרעס׳ערע שטעט איבערצו־שלאָגען די קליין־שטעטלדיגע מאָנאָטאָנקייט.. אָנפילן זיך אביסל מיטן גרוים-שטאָטישן לעבן.. אָבער מער ווי אָ פּאָר טעג קאָן איך דאָרטן ניט פארבלייבן, עס ציט מיך צוריק צו מיין שטעטעלע, וואו איך פיל זיך אזוי ניט באַקוועם, אָבער פאָרט אזוי גוט..

איך האָב אפילו ניט געקענט זיין עטלאכע טעג אין אן אנדער שכנה׳דיג, קליין שטעטל, וואו איך בין גע־

ווען פאַרבעטן פון א משפחה צו זיין דאָרט א פּאָר וואָ־
כען. הנאה געהאַט האָב איך בלויז פון וועג, פון פאָרן
אהין היימישע דריי מייל אויף א פשוט'ער היימישער
פור אויף א געזעם וואָס האָט זיך געהויבן, געטרייסלט,
און מיך שיר ניט אראָפּגעוואָרפן פון פור, וואָס איז גע־
שלעפּט געוואָרן איבערן זאמדיגן וועג פון אן אַלטער
קליאַטשע, וואָס איז געגאַנגען אויף גאָטס באַראָט, ווייל
משה בער, דער היימישער בעל־עגלה, איז שוין לאַנג
איינגעשלאָפן, ליגנדיג אָנגעשפּארט אויף איין זייט
„קעלנע", האלטנדיג אין איין האַנט די בייטש און אין
דער אנדערער האנט די לייצעס, וועלכע ער האָט פון
צייט צו צייט אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן און א סמאַצ־
קע געטאָן מיט די ליפּן.

וואָס מער די פור האָט זיך געטרייסלט און געוואָר־
פען, אַלץ מער הנאה האָב איך געהאט. ווי א קינד וואָס
זיצט אויף מאמעס' שויס, פרייט זיך און פארגייט זיך
פון געלעכטער, ווען די מוטער העצקעט זיך מיט דעם,
אזוי האָב איך זיך געפרייט און זיך שיר ניט געשטיקט
פון געלעכטער פון יעדן טרייסל פון דער פור... ס'האָט
מיך דערמאָנט אין די קינדער־יאָרן, ווען רחמיאל
דער האָלץ־הענדלער פלעגט מיר לאָזן „אונטערפאָרן"
אויף זיין טרייסלדיגן האָלץ־וואָגן, וואָס איז דעמאָלט
ביי מיר געווען א גרויס גליק און פרייד...

דערצו איז נאָך דער טאָג געווען אזא שיינער, אזא
זוניג־ליכטיגער, אזא היימיש־בליענדיגער און שמעקנ־

דיגער, כאָטש נעם און קריך אראָפּ פון פור און וואַרף זיך אריין אין טיפן, ווייכן גראָז און טרינק זיך אָן מיטן ריח פון די ווייסע און געלע פעלד-בלימעלאך... אָדער שפּרינג אריין אין א טייכל און טונק זיך אונטער צוזאַמען מיט די ווייסע וואַסער-ליליען..

אָבער אזוי גיך ווי די פור האָט מיר אריינגעפירט אין שטעטל, בין איך אומעטיג געוואָרן... זיך דערפילט פרעמד און פארלאָרן, כאָטש מיינע אייגענע האָבן מיר זייער הארציג און פריינטלאך אויפגענומען, זיך מיט מיר געפרייט, מיר אָפּגעגעבן דעם „בעסטן" צימער צום שלאָפן... אָבער צו זייער גרויסער אנטוישונג און פארדרוס, בין איך דאָרט מער ווי איין נאַכט ניט געשלאָפן. גלייך אויף מאָרגן בין איך צוריקגעפאָרן טאַקע אויף דער זעלבער פור א היים צו זיך אין שטעטעלע אריין...

איך ווייס ניט, ווי איך וואָלט געפילט, ווען איך וואָלט אין דעם איצטיג פאַר מיר אומבאַקוועם געבורטס-שטעטעלע קיינעם פון מיין פאמיליע ניט געהאט, ווי לאַנג וואָלט איך דאָ געקאָנט פארבלייבן אָן זיי? מיט מיינע לעבעדיגע עטלאכע קבצנים ביי מיין זייט, און מיט מיינע טויטע טאַטע-מאַמע אויפן שטאָטישען בית-עולם, בין איך נאָך אין שטעטל ניט גענוג לאַנג, און ווען איך גיב א טראַכט, אז באלד, באלד, וועל איך זיך דארפן געזעגענען מיט דעם, ווערט מיר שרעקלאך אומעטיג און באַנג... — — — — — — — — —

⁂

דער פריער היימישער האַרבסט האָט זיך א רוק־געטאָן מיט בליציגער שנעלקייט. עס איז געוואָרן קיל, וואָלקנדיג און רעגנדיג. די גאַנצע קליין־שטעטלדיגע, היימישע, זומערדיגע שיינקייט, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א שטילן, רואיגן זומער־פּלאַץ, האָט זיך מיטאמאָל ווי אָפּגעטאָן, — און ס׳איז געוואָרן אָסיען.

אין וואַלד, וואו איך פלעג אָפּליגן גאַנצע טעג אויף מיין העמאק מיטן פּנים צו די שפּיצן פון די בוימער, וועלכע זיינען געווען באַגאָסן מיט זון, האָב איך שוין מער ניט געקאָנט גיין. קיינער איז שוין מער אהין ניט געגאַנגען. דער וואַלד האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם זומערדיגן חן, געוואָרן שטרענג, און אָנגעהויבן אויסצו־זען בייז און אומפריינטלאַך.

אויך איבער די גאַסן און געסלאַך האָב איך שוין מער ניט געקאָנט אזוי פיל ארומוואַנדערן. דאָס גאַנצע בילד פונם שטעטל האָט זיך איבער נאַכט געענדערט: געוואָרן אומעטיגער, טרויעריגער, שווער־געמיטיגער. די מענטשן פאַר׳מרה׳שחורה׳ט־ער. מען האָט אָנגעהויבן צו זיצן אין די הייזער, שטילע, באַהאַלטענע, אין זיך פאַרטיפטע...

אלול־שטימונג און אלול־פּחד פאַר די אָנקומענדע ימים־נוראים האָט זיך א רוק־געטאָן פון אלע ווינקע־

לאך, זיך פארשפרייט איבער די אידישע גאסן און הייז־לאך, בתי־מדרשים. די לופט איז געוואָרן אָנגעפילט מיט אלול..

כ׳האָב דערהערט דעם ערשטן שופר־בלאָז און מיין הארץ האָט אַ ציטער געטאָן. כ׳האָב דערפילט, אַז דאָס זיינען מיינע לעצטע טעג אין דער היים מיט מיינע ליבסטע און טייערסטע.

מיין בליק, אַ פאר׳גנב׳עטער, האָט גענומען זוכן דעם פלאַץ, וואו עס זיינען געשטאַנען מיינע רייזע־טשעמאָדאנעס... איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל ניט ווארטן ביז די „פאַרכטיגע טעג״ וועלן אָנקומען מיט געוויין און קלאָג.

און ווען איך האָב פאר מיינע אייגענע ארויסגע־רעדט דאָס ערשטע וואָרט וועגן צוריקפאָרן, זיינען זיי געוואָרן בלייך און שרעקלאך אומעטיג... און פון דער מינוט אָן האָט דער אומעט און זאָרג זיך שוין ניט אָפּ־געטאָן פון זייערע פנים׳ער...

מיין שוועסטער רחל האָט אין די פרימאָרגנס אָנ־געהויבן צו קומען פריער, ווי געוויינלאך, צו מיין ברו־דער, וואו איך בין די גאנצע צייט איינגעשטאַנען. איר גליקלאך, ליכטיג־שטראלנדער אויסזען, וואָס איז ניט ארונטער פון איר אויסגעליטענעם פנים זינט מיין אָנקו־מען, איז איצט געווען ווי אויסגעלאָשן. איר גאנצער גוף איז עפּעס ווי איינגעצויגן געוואָרן, איר גאנג נידעריי־גער, טיפער, ווי עס וואָלט זיך אין גאנצן וועלן אויפ־לייזען.

מיט שטומע, פארצווייפלטע בליקן האָט זי נאָכ־געקוקט מיין יעדן טראָט און גאנג, ווי זי וואָלט מיך געהיט איך זאָל זיך אומבאמערקט ניט ארויסגליטשן

פון אונטער אירע אויגן...
— קום אביסל צו מיר א היים — בעט זי זיך ביי מיר — דו האָסט דאָך נאָך אפילו ניט אָנגעקוקט מיין קאַמער וואו איך וואוין.
איך כאַפּ זיך אז ס'איז ריכטיג, מחמת דעם וואָס מיין שוועסטער פלעגט יעדן טאָג קומען צו מיין ברו־דער, וואו איך בין איינגעשטאַנען, איז מיר ניט אויס־געקומען צו זיין ביי איר אין צימער.
— גוט, — זאָג איך — קום, לאָמיר גיין צו דיר א היים.
מיר גייען דורך עטלאכע אָרימע, פאַרדרייטע געס־לאַך, וואו הינטער די הייזלאַך ליגן דאָ און דאָרט אָנ־געוואָרפן אלערליי אלטע צעבראָכענע חפיצים, וואָס ניט מען קען עס שוין נוצן, ניט מען קען עס פארקויפן. הינטער אנדערע הייזלאַך, מער אויפגערוימטע, איז דער דלות פארשטעלט מיט א שיין שמעקנדיג היימיש גער־טענדעל.
מיין שוועסטער פירט מיך מיט א מינע, ווי מען פירט א דאָקטאָר צו א חולה... זי רעדט ניט, אָבער עס רעדן אירע אויגן; אמאָל מיט געבעט, אמאָל מיט גע־וויין. אירע שווערע טריט שאַרן זיך נערוועז און איילינ איבער די שפּיציגע שטיינער, ווי זי וואָלט מורא גע־האַט זי זאָל עפּעס ניט פארשפּעטיגן.
מיר קומען צו צו א קליין איינגעהויקערט שטיבל ביים עק שטאָט. זי פירט מיר אריין אין א שמאָלן טונ־

קעלן פאַרהייזל. אַ טוכלע פייכטקייט גיט מיר א שלאָג צום נאָז. א פּאָר טריט און מיר זיינען אין איר קאמער..

— אַט דאָ וואוין איך! — זאָגט מיין שוועסטער ארוים מיט א געוויסער באַטאָנונג, ווי זי וואָלט וועלן איך זאָל זיך גוט איינקוקן און גוט ארייננעמען אין זינען דאָס אויסזען פון איר קאמערל, וואו זי פארברענגט אי־רע איינזאמע טעג, נעכט און יאָרן...

ס'קאמערל איז קליין, שמאָל און נידעריג, אָבער אויפגערוימט. ביי איין זייט וואַנט שטייט א בעט, די זעלבע בעט וואו די מאמע פלעגט שלאָפן ווען זי האָט געלעבט, און איצט שלאָפט זי אליין אין איר... ביי דער צווייטער זייט וואַנט שטייט א שלאָף־באַנק (מן הסתם פארבליבן נאָכן פאָטערס טויט). אָן א זייט א קליין טי־שעלע, אויף וועלכן זי עסט אירע אָרימע מאָלצייטן. א פּאָר אַלטע שטולן, אַ האלב צעבראָכענעם שפּיגל. — דאָס איז דאָס מעבל..

אויף איין זייט וואַנט הענגען די בילדער פון אונ־זערע פארשטאָרבענע עלטערן, איינגעראַמט אין שווארצע ראַמען. אויך מיינע אַ געדרוקט ליד, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אונטערן פרישן איינדרוק נאָך מיין פאָטערס טויט און עס צוגעשיקט א היים. דאָס ליד הענגט איינגעראַמט אין שווארצן...

אויף דער צווייטער וואַנט הענגען מיט באַזונדע־רער צאַרטקייט און אָפּגעהיטקייט מיינע אייגענע עט־

לאַכע בילדער, וואָס איך האָב צוגעשיקט פון אַמעריקע, אַרונטערגענומען אין פאַרשידענע צייטן.

אַ דערשלאָגענער שטיי איך און באַטראַכט איר וואוינונג, וואו פון די ווענט קריכט, דאַכט זיך, דער אומעט... כ'וואָלט וועלן עפּעס רעדן צו איר, אָבער איך קען ניט, עס שטיקן מיך טרערן...

מיין שוועסטער שטייט די גאַנצע צייט אָן אַ זייט און נעמט פון מיר די אויגן ניט אַרונטער. איך ווייס, אַז זי האָט צו מיר אַזוי פיל צו רעדן, אַזוי פיל צו דערציילן, ס'איז דאָך כמעט דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר געפינען זיך אַליין אונטער פיר אויגן, אָבער זי געפינט הפּנים ניט קיין ווערטער...

— דו ווייזט אויס מיד, ניט אויסגעשלאָפן,—רעדט זי ענדלאַך אַרויס מיט זאָרג און געטריישאַפט אין איר קול — אפשר וואָלסטו זיך אַביסל צוגעשפּאַרט אויפן שלאָף-באַנק?...

— יאָ, כ'וועל זיך טאַקע אַביסל צושפּאַרן, כ'פיל טאַקע אַביסל שלעפעריג...

זי כאַפּט גיך אַרויס אַ קישן פון בעט און לייגט מיר אונטער צוקאָפּנס...

איך ליג אויפן שלאָף-באַנק אין אַ האַלב דרימלענ-דיגען צושטאַנד. כ'פיל די וואַרימקייט פון דער גרוי-סער, פעדערנער קישן, אויף וועלכער מיין מאַמעס' לע-בעדיגער קאָפּ האָט נאָך גערוט, ווענמס פעדערן זיינען אפשר נאָך געפליקט געוואָרן פון אירע הענט. אַ קישן

אן אלטע, וואָס טראָגט שוין יאָרן לאנג דעם גורל פון אונזער פאמיליע, — דעם גורל פון אייביקן עלנט, זאָרג, אָרימקייט און איינזאמקייט... — דער מאמעס קישן —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב זיך אויפגעכאפּט, האָב איך געטראָפען מיין שוועסטער זיצן לעבן מיר, באוועגנדיג לייכט און צארט מיט א טיכל איבער מיין פּנים, אראָפּטרייבנדיג פון מיר די פליגן...

⁂

אויך מיין ברודער אלטער, מיין איינציגער „גייםטיגער פריינט" אין דער היים, האָט שטילערהייט ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף מיר, גענומען מיט מיר אָפּטע שפּאצירן הינטערן שטאָט, וואו דער אָנקומענדיגער הארבסט איז שוין געלעגן אויסגעשפּרייט אויף אלע וועגן און וועגעלאך און אלול׳דיג געפאכעט מיט די שוין ליידיגלאָכע צווייגן פון די איינזאמע ביימער..

— אפשר וואָלסטו נאָך דאָ געווען א שטיקל צייט? אזוי פיל יאָרן דיך ניט געזען, פינף און צוואנציג יאָר. עפּעס א קלייניגקייט, פינף און צוואנציג יאָר! וואָס איילסטו זיך אזוי? אמעריקע וועט דיר ניט אנטלויפן! די גרויסע געשעפטן, וואָס ווארטן אויף דיר?... — טענה׳ט מיט מיר מיין אָרימער ברודער.

„געשעפטן!" איך מוז שמייכלען, ווען איך טראכט פון מיינע „געשעפטן", וואָס ווארטן אויף מיר נאָך פינף

און צוואנציק יאָר אַפּזיין אין אמעריקע. אָבער איך פיל, אַז מיין היים איז שוין פאָרט ניט דאָ, נאָר דאָרט, אין דער נייער וועלט, אין אמעריקע, וואו עס איז מיר אמאָל אפשר נאָך מער אומעטיג ווי דאָ.

אָבער איך זאָג עס ניט ארויס. איך שאָקל בלויז שטום און טרויעריג מיטן קאָפּ אויף „ניין!״...

אונזער וועג צוריק אהיים פון שפּאציר ציט זיך שטום און אבל׳דיג, ווי מיר וואָלטן צוריק געגאנגען פון א לויה... — — — — — — — —

⁂

מיין געדאנק איז שוין ניט מער אין דער היים, מיין געדאנק וואַנדערט שוין. אַוועק די רואיגקייט, די היימישקייט, די איינגעזעסנקייט. עס ווילט זיך שוין וואָס גיכער ארויפזעצן אויפן פור, ניט אזוי צוליב זיך, ווי צוליב זיי — די אייגענע. צו וואָס זיי מאטערן מיט מיין אָנוועזנהייט, ווען אין דער היים געפינט זיך שוין בלויז מיין גוף, אָבער ניט מיין נשמה? די נשמה איז שוין ערגעץ ווייט איבערן ים, צוריק אין ניו־יאָרק. אין קאָך, אין טומל, אין הו־האָ! וואו איך האָב אָפּגעלעבט שיעור ניט א העלפט פון מיין לעבן, און וואו איך וועל שוין, גוט צי שלעכט, מיין לעבן פאַרענדיגן... וואו איך באלאנג צו צוויי „אָרדנס״ און עס ווארטן צוויי סעמע־טערים אויף מיר...

מיין אויג וויינט און גייט אויס פון רחמנות צו

מיין ברודער, צו אלע מיינע אייגענע, אָבער מער פון אַלע, צו מיין שוועסטער רחל, וועמענס טרייסט, איינהאלט און אָנהאַלט אין לעבן איך בין. איך האָב בלויז איין טרייסט, אז פון דאָרטן קאָן איך כאָטש זי שטיצן, העלפן אויפהאלטן איר עלנט אומגליקלאך לעבן, און ווען איך בלייב, א שטייגער, דאָ, זיינען מיר ביידע פארלאָרן...

⁂

דער טאָג פון מיין אָפּפאָרן צוריק קיין אמעריקע איז באשטימט. די לעצטע טעג מיינע אין דער היים זיינען לאַנגע, לאַנגווייליגע און שווערע. ווי אַן אבל דריי איך זיך ארום אין אָפּגעשלאָסענער איינזאמקייט, ווי איך וואָלט געווען מיט אַלעמען ברוגז. עפּעס האָב איך א געפיל אלעמען אויסצומיידן, זיין מיט זיך אליין...

דורך די טעג וואַנדער איך ארום אליין איבער די גאַסן און געסלאַך, און אין די אָוונטן דריי איך זיך ארום ווי א שאָטן אויפן שול-הויף ארום די בתי מדרשים, וועלכע זיינען שוין איצט, אין אלול-צייט, אפילו אין די מיטנוואָך-נעכט מער באלויכטן און מער אידן ווי געוויינלאַך געפינען זיך אין זיי. גרייטן זיך צום יום-הדין, ווער מיט זיצן ארום די טישן ביי חלב'נע ליכט און לערנען עין יעקב מיט אַן עדה אידן צוזאמען, ווער מיט ארייגקוקן אין א ספר ביחידות, און ווער מיט שטיין און זיך צוהערן ווי אנדערע לערנען...

דורך די פארמאכטע פענסטער דרינגען א דורך די

דומפּע אומעטיגע קלאַנגען צוזאַמען מיט דעם אָפּשיין פֿון די ליכטלאַך, וואָס ברענגען אַרויף אויפֿן זינען אַ הויז, וואו ס׳ליגט אַ מת, און אידן זיצן און זאָגן תהלים.

— —

איך דערהער פּלוצלונג אַ באַקאַנט קול זיך טרויעריג אַרויסרייסן דורכן פֿענסטער:

— והוא רחום יכפר עוון ולא ישחית!

איך בלייב שטיין ווי אַ פֿאַרשטיינערטער:

גאָט מיינער, ס׳איז דאָך מיין ברודער אלטערס קול. וואָס עפּעס פּלוצלונג, מיט אַמאָל?.. מיין ברודער, ווייס איך, דאַוונט ניט געוויינלאַך פֿאַרן עמוד.

מיינע אויגן פֿאַלן צו צום פֿענסטער פֿון בית המדרש-שטיבל, וואָס געפֿינט זיך אָן אַ זייט פֿון בית-המדרש...

יאָ, ס׳איז טאַקע מיין ברודער... ער שטייט ביים עמוד איינגעוויקלט אין אַ טלית און דאַוונט מיט אַזאַ מאָדנעם ניגון. ס׳איז עפּעס, פֿיל איך, ניט דער געוויינלאַכער וואָכעדיגער מעריב-ניגון, נאָר אַן אויסגעשריי וואָס צערייסט דאָס האַרץ. ווי מען וואָלט אים מיט עפּעס געשניטן ס׳לייב, און ער קרעכצט אַרויס דעם ווייטאָג און צער...

איך בין געשטאַנען הינטערן פֿענסטער און זיך צוגעהערט צו מיין ברודער׳ס יאָמערדיגן קול ביזן סוף פֿון מעריב דאַוונען. געוואַרט ביז ער איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס אַ היים צו גיין.

מײַן ברודער אַלטערס טאָכטער טשעשע

— אלטער! — האב איך ווי ניט מיט מיין שטימע אויסגערופן.

— איטשע! וואס טוסטו דא? — האט זיך מיין ברודער געוואונדערט.

— איך בין געשטאנען און זיך צוגעהערט ווי דו האסט געדאוונט מעריב פארן עמוד... וואס עפעס פלוצלונג?

מיין ברודער האט אראפגעלאזן דעם קאפ און טרויעריג געשוויגן...

— וואס שווייגסטו? — האב איך געמאנט.

— גארנישט, איך האב היינט יארצייט נאך מיינע א טאכטער — האט ער ארויסגערעדט מיט געפיל — „טשעשעלע", האט מען זי גערופן. אפשר געדענקסטו זי נאך? פיר יאר איז זי אלט געווען ווען דו ביזט אוועקגעפארן. דו פלעגסט זי אפט האלטן אויף די הענט.. זי איז געווען א שיין געראטן קינד.

— יא, כ'דערמאן זיך... — האב איך שווער ארויסגעזיפצט.

— דאס האט די וועלט-מלחמה גורם געווען, אז מיין קינד זאל ליגן יונגערהייט אין דער ערד — האט ער פאר מיר קאנטיג געוואלט אויסריידן דאס הארץ— מען האט זיך געוואלגערט אין דער קעלט אויף די פעלדער, האט זי זיך פארקילט... קיין דאקטאר האט מען ניט געקענט קריגן, — נו, האב איך היינט יארצייט נאך איר.—האט מיין ברודער דערענדיגט מיט א טרערן

פֿאַרשטיקט, צעבראָכן קול..

— אָבער פֿאַרוואָס האָסטו ניט דערמאָנט פֿאַר קיי־נעם אין דער היים, אַז היינט איז יאָרצייט נאָך דיין טאָכטער?...

— פֿאַרשטייסט — האָט ער אַ זיפֿץ געטאָן — כ׳קען עס ניט טאָן, כ׳בין צופֿרידן אַז זיי פֿאַרגעסן זיך. די מאַמע, די אַנדערע שוועסטער, ווען זיי דערמאָנען זיך אָן יאָרצייט־טאָג, ווערן זיי אויס מענטשן. לויפֿן אויפֿן בית־עולם און רייסן זיך אָפּ דאָס האַרץ. איך וועל עס׳ זיי זאָגן עטלאַכע טעג נאָכן יאָרצייט... — — — —

איך האָב דאָס בילד פֿון מיין ברודער׳ס יונג־פֿאַר־שטאָרבענע טאָכטער מיטגענומען מיט זיך... איך קוק אָפּט אויף איר שיינעם, ערנסטן פּנים, אויף אירע קלו־גע פֿאַרטראַכטע אויגן... כ׳וויל געפֿינען כאָטש אַ שפּור פֿון יענעם פֿריילאַכן, קינדעריש זאָרגלאָזן פֿיר־יאָריגן קינד וואָס איך האָב אַמאָל געהאַלטן אויף מיינע הענט, אָבער איך קען ניט געפֿינען... פֿון אירע אויגן, דאַכט זיך, וויינט אַרויס דעם טאַטנס אומעטיגער, צעבראָכע־נער „והוא רחום״, וואָס כ׳האָב צו איר יאָרצייט גע־הערט אים אַרויסוויינען הינטערן פֿענס׳טער פֿון בית־המדרש...

⁂

נאָכאַמאָל, און אפֿשר צום לעצטן מאָל, ציט עס מיך, אַליין, אָן קיינעמס באַגלייטונג, צו באַזוכן די קבֿ־רים פֿון מיינע עלטערן, וואו איך זאָל זיך קאָנען גוט

אויסוויינען, אויסטרויערן, אויסגיסן פאר זיי מיין פאר־שטומט און פארשלאָסן הארץ...

און ווידער בראָדזשע איך, דאָס מאָל שוין אליין, דורך רעגן און בלאָטעס, אויפן וועג צום בית־עולם. און ווען איך דערזע פון וויטן דעם הויכן ווייסן בית־עולם־טויער, ווערט מיר עפּעס היימלאכער. כ׳האָב דאָס גע־פיל, ווי מיין טאַטע־מאַמע קומען מיר אנטקעגן לעבע־דיגע זיך געזעגענען מיט מיר, — דאָרט ביים טעלע־גראַף־סלופּ, ביים עק גאַס...

⁂

איך זיץ אויפן ענג־געפּאַקטן אַמניבוס (באָס) גרייט אָפּצופאָרן. עס איז צען אזייגער אין דער פרי, א גרוי־סער עולם נייגעריגע מענטשן שטייען דערביי, און צווישן זיי מיינע אייגענע.

איך זיץ ווי א פארשטיינערטער. און ווי דאָס קאַל־טע אויג פון א פאָטאָגראַף־אַפּאַראַט, וואָס וויל אלץ אָפּ־פאָטאָגראַפירן, איידער עס׳ ווערט צו שפּעט, אזוי זיי־נען מיינע בליקן אריינגעשטאָכן אין די מענטשן, הייַ־זער, און אויף אַלץ ארום...

מיינע אייגענע קוקן צו מיר, רעדן צו מיר, רייסן זיך צו מיר. מיין שוועסטער רחל באַגיסט זיך מיט טרערן. און עס וואונדערט מיך, וואָס איך בין בשעת מעשה אזוי גלייכגילטיג, ווי א דאָקטאָר, וואָס דאַרף מאַכן אן אָפּעראַציע איבער א חולה.

ערשט ווען דער אַמניבוס האָט זיך א ריר געטאָן און זיך גענומען שנעל טראָגן איבער דעם שטיינערנעם בריק אויפן וועג צום שאָסעי, האָט א קוואַל מיט טרערן א שטראָם־געטאָן פון מיינע אויגן — — — — — — — —



שיינע „די קאַוואַלקע״ (ראָזען) אין וועמענס שטיבעלע היב־טערן שטאָט די יוגנט האָט זיך אָפּגערוט נאָכן שבת׳דיגן שפּאַציר ביי אַ גלעזל סאָדאַ וואַסער און צובייסן, האָט דאָ צוויי זין, עזריאל און רפאל ראָזען, קולטור־טוער אין פּאַ־טעלומאַ, קאַליפ. רפאל (מיט דער מוטער אויפן בילד) איז לעצטנס געשטאָרבן. עס איז געווען זיין וואונש כ׳זאָל דאָס בילד אַריינגעבן. זיין פרוי מאַטעל און זיין זון סאָל (שלמה) האָבן דאָס בילד, וואָס איז שוין אַלט אַ יאָר 50, צוגעשיקט.

וואָס די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט געשריבן וועגן „אַ שטעטעלע אין פּוילן"

אב. קאַהאַן — „פאָרווערטס":

. . . עס איז אַ רייע פון בילדער און סצענעס און פילע פון זיי האָבן אויף אונז אַלס לעזער געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז דאָס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. אַ פּאָר מאָל האָט עס פּשוט דעם אָטעם פאַרכאַפּט. אייניקע סצענעס אָדער מאָמענטן זיינען אומפאַרגעסלעך.

אברהם רייזען — „די פעדער":

אַ פּאָעטיש ווערק איז „אַ שטעטעלע אין פּוילן", וואָס אונזער יונגער־אַלטער באַקאַנטער, דער טאַלאַנט־פולער דיכטער און דערציילער, יצחק בלום, האָט אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אין אַ היפּש ביכל. עס איז אַן עכטע פּאָעמע, געשריבן אין זאַנפטע פאַרבן, אין לירישער בענקשאַפט. ס'איז דאָס שטעטעלע אין פּוילן נאָך דער וועלט־מלחמה. עס איז אַ רירנדע שילדערונג; טיף שפּאַנענדיק.

דר. מוקדוני — „מאָרגן־זשורנאַל":

. . . עס איז וייער אַ לעזבאַרער בוך . . . אַ רירנדער בוך.

י. קיסין — „פאָרווערטס":

. . . דאָס בוך מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט דער טיפער אויפריכטיקייט און פּשוטקייט . . . די פּשוטע דערציילונג מאַכט אויף אייך אַ טיפן רושם... בלום וויזט דאָ אַרויס אַ זעלטענעם טאַקט און אמת קינסטלערישן חוש.

א. אלמי — „פרייע אַרבעטער שטימע":

כ'האָב „אַ שטעטעלע אין פּוילן" געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם . . . יצחק בלום האָט זיך אין דער דאָזיקער שילדערונג געפינען. אַזוי טיף איינגע־האַלטן, אַזוי רירנד שיין, אַזוי מענטשלעך־עכט און קינסטלעריש געראָטן איז זיין „באַשרייבונג", אַז די גאַנצע צייט וואָס מען לייענט עס געפינט מען זיך אונטער דעם צויבער פון אַ וואונדערלעכער מוזיק . . . דער מחבר איז אויסגעהאַלטן פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה. ניטאָ קיין איין פאַלשער טאָן אין דער גאַנצער סימפאָניע . . . איך האָב עס נאָך אַמאָל גע־לייענט און נאָך אַמאָל איבערגעלעבט דעם טיפן קינסט־לערישן געניס . . .

גרשם באדער — „וואָכנבלאַט":

. . . די סענטימענטן און די צאַרטע געפילן קומען פון זיך אליין . . . איז טאַקע ניט זיין שולד וואָס עס נעמט דעם לייענער צום וויינען.

ש. טענענבוים — „שיקאַגער קוריער":

. . . אַ בוך וואָס איך האָב פאַרשלונגען אין איין אָטעם . . . די טעמע איז אַן אוניווערסאַלע . . . שוין אין די ערשטע שורות ווערן מיר אַריינגעצויגן אין די צאַרט־טרויעריקע זיסע געפילן פונם שרייבער... און סך־הכל — עס איז אַ גלענצענד בוך, אַ שטימונגס־פול בוך . . .

נ. י. גאָטליב — „קענעדער אדלער":

. . . עס איז אָנגעשריבן אין אַ פיינעם זויבערן אידיש אין אַ געשליפענעם סטיל. „אַ שטעטעלע אין פּוילן" איז מער ווי ליטעראַטור, עס איז אַ רירנד טיילן זיך מיטן לייענער פון אַ מענטשנס באַזוך אין די טייערסטע אינטימע ערטער פון אַ מענטשנס לעבן.

מ. ג. גלען — „פילד. איד. וועלט":

. . . יצחק בלום'ס „אַ שטעטעלע אין פּוילן" איז אַ פיינע לירישע שילדערונג, כדאי צו האַלטן אויפן טיש אָפּט אַ לייען צו טאָן.

י. מ. — „אידישע פאָלק":

יצחק בלום פאַרמאָגט אַ לייכטן פּשוטן סטיל, וואָס דערגרייכט די מדרגה פון אַ צאַרטן ליריזם . . . מיט צוויי דריי שטריכן מאָלט ער אויס אַ לעבעדיק בילד... „אַ שטעטעלע אין פּוילן" איז אַ שטיק אינטערעסאַנט לעבן.

ש. ט. — טאָראָנטער „אידישער זשורנאַל":

„אַ שטעטעלע אין פּוילן" איז מיר געבליבן אויף שטענדיק אין זכרון מיט זיין ליריזם און פאָלקס־טימלעכקייט. מיטן פּשטות און רירענד געפיל. אַ דאַנק דעם שרייבער'ס רירענדן אינטימען אופן פון איבער־געבן זאַכן — ווערן מיר באַהערשט ווי פון אור־אַלטער מוזיק.

מ. ל. — „קאַליפאָרניער שטימע":

. . . יצחק בלום איז אַ פיינער אבזערוואַטאָר, זיין וואַכזאַם פּאָעטישע אויג כאַפּט אויף דעם מינדסטן שטריך און נואַנס.